STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02259

L.N. TOLSTOY VEGEN YIDEN

A. Tenerama

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

ל. נ. טאָלסטאָי וועגען אידען

פון א. טענעראָמאַ

איבערזעצט אויס דעם רוסישען

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.
ניו יאָרק — ווארשא.

Copyright, 1911
By The International Library Publishing Co.

פאררעדע.

ניט שרעק זיך, אונערפאהרענער ברודער.
וואָס פון זייערע לעכער איילען זיך די שרצים
צו בעהערשען די אונבעשיצטע ערד...
וואָס עס לויפען שפינען, און מיט אַ שיפּען
האָט זיך אינ׳ם זומפּ אויפגעכאַפּט די שלאַנג —
דאָס לויפען די מאוס׳ע ברואים פאר׳ן זונען־אויפגאנג.

וואָס פינסטערער די נאכט, אלץ העלער זיינען די שטערן... און אין די שווערע טעג פון אונזער טרויעריגער געגענוואַרט, ווען די פינסטערע כחות פון מענשען־האס, פון חשד׳דיגער שנאה און בלינדען פאַנאטיזם צוטרעטען אונפערשעהמט מיט זייערע פיס די יסודות פון ברידערליכקייט און ליעבע, די בעסטע שטרעבונגען און די טהייערסטע האָפנונגען, — אין דיעזע שווערע טעג קלינגט בעזאַנדערס מעכטיג דער קול פון איינעם פון די גרעסטע פאַרקעמפּפערס אויף די פיינליכע וועגען פון זוכען דעם אמת, פון איינעם פון די געניאַל־אויפריכטיגסטע און דרייסטע פרעדיגער פון פליכט צו זיך זעלבסט און פון ליעבע צו אנדערע.

און דיזער גרויסער לעבענס־לעהרער איז צו גלייכער צייט אונבעשטרייטבאר אלס א בעאָבאכטער פון לעבען. צווישען די שונאים פון טאָלסטאָי, צווישען די, וואָס זיינען ניט איינפערשטאנען מיט זיינע בעהויפּטונגען, וואָס זיינען ניט מסכים מיט די פילאָזאָפישע געדאנקען פון זיינע ווערק, וועט זיך קוים געפינען איינער אפילו, וועלכער זאָל האָבען די העזה צו זאָגען, אז טאָלסטאָי איז ניט דער טרייעסטער בעאָבאכטער פון די ערשיינונגען פון לעבען. און ווען ער זאָגט, אז אין הארצען פון רוסישען פאָלק איז ניטאָ ניט קיין רעליגיעזע, ניט קיין נאציאָנאַלע שנאה צו׳ם אידישען פאָלק; ווען

ער זאגט אינ'ם נאמען פון רוסישען פאלק, אז די ארבייטענדע, פויערשע רוסלאנד וועט מיט אפענע ארעמס אויפנעהמען דאך אי־דישע פאלק, וואס איז גרויס געווארען דורך זיינע ליידען. דאן דיענט דיזער עדות־זאגען ארויסצושטעלען פאר ליגנערם יענע אונ־געבעטענע פארשטעהער פון רוסישען פאלק, וועלכע ווילען פער־וואנדלען זיין גרויסען נאמען אין א קריעגס־געשריי צו מענשען האס און געוואלד־טהאט...

. . . .

א. פערגאמענט.

די אידען-פראגע.

איין מאל האט לעוו ניקאלאיעוויטש ערהאלטען אזא בריעף:

„גראף! אין דער זיצונג פון דער פסיכאלאגישער געזעלשאפט אין מאסקווא האט איהר אין אייער רעדע אויסגעדריקט זיך, אז מען דארף ליעבען אלע מענשען. ערלויבט מיר אייך איבערצושלאגען ווי, דארף מען דען א זשיד אויך ליעב האבען?.. איך קען ניט גלויבען, אז איהר, גראף, אונזער בעוואוסטער שרייבער, זאלט קענען איינשטימען מיט אזא שלום. אבער אין דער זעלבער צייט פאלגט פון אייער רעדע אונפערמיידליך דיזער געדאנק. איך וואלט זעהר גערן געוואלט הערען פון אייך איין הכחשה. אויב איהר וועט וועלען ענטפערען, דאן ענטפערט דורך דער „נאוואיע ווריעמיא" — איך בין אן אבאנענט פון דיזער צייטונג".

איך געדענק, מיר האבען מיט לעוו ניקאלאיעוויטש'ען לאנג געלאכט פון דיזער „שריפט" און האבען בעשלאסען, אז דאס בעסטע וועט זיין, אנשטאט אן ענטפער, פערעפענטליכען דעם בריעף גופא.

איך האב אריינגעלעגט דעם בריעף אין א קאנווערט, אויפגעשריעבען א צעטעל צו דער רעדאקציע וועגען דעם פערלאנג פון ל. נ. צו פערעפענטליכען דיזען בריעף און האב דעם בריעף אבגעשיקט צו דער פאסט אין יאסענקי.

שפעט אין אבענד איז ל. נ. געקומען א מיעדער און, ארויסנעהמענדיג פון קעשענע עפעס א קאנווערט, האט ער איהם אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש.

— איך בין געגאנגען אויף פאסט, — זאגט ער, — און האב גענומען צוריק דעם בריעף. האב איהם א גוט יאהר! ער איז דאך א בלינדער מענש, איז נאך ניט געבארען געווארען צום לעבען.

צוועלף וויארסט איז דאס אויסגעקומען לעוו ניקאלאיעוויטש'ען צו געהן אהיין און צוריק אין אסיענדיגען נעבעלהאפטען וועטער. באלד נאכדעם איז ער אוועקגעפאהרען קיין מאסקווא און איך בין געבליבען אין יאסנאיא פאליאנא. דאס איז געווען אין 1886 יאהר.

אין פעברואר מאנאט דערהער איך איינמאל ווי עס קלינגען גלעקלאך ביים צופאהר פון הויז. פון א געדונגענעם טולער וועגעל קריכען ארויס צוויי „אנשטענדיגע הערען". איינעם פון זיי האב איך געקענט — דער יונגליכער בלאנדין אבאלענסקי. און דער אנדערער — אייז אלטינקער מיט א גרויע בערדיל, א ביסעל איינגעבויגען.

ער געהט צו און שטעלט זיך פאר:

— סואווארין! — זאגט ער.

— זעהר אנגענעהם.

דער טאג איז געווען א קלארער, א זוניגער, און מיר האבען זיך געזעצט אונטער א בוים אויף א באנק נעבען פאוויליאן.

— שאדע, — האט אנגעהויבען סואווארין, — וואס איך האב ניט געטראפען לעוו ניקאלאיעוויטש'ען. און איך בין דאס געקומען צו איהם נאך אן עצה.

— אה, יא, ל. נ. איז א גוטער בעל עצה, — האט ערקלערט אבאלענסקי.

— איך האב אייגענטליך געוואלט דורכרעדען זיך מיט לעוו ניקאלאיעוויטש'ען וועגען זיינע ווערק. אט האט ער זיך אבגעזאגט פון ליטעראריש‌ען אייגענטהום און ערלויבט יעדען איינעם צו דרוקען זיינע לעצטע ווערק. זייט מסכים, אז דאס איז גאר ניט פערנינפטיג. אלערליי ארויסגעבער וועלען אנהויבען דרוקען זיינע ווערק מיט אייגענע אנמערקונגען, טעות'ן און ענדערונגען — און אין א צייט ארום וועלען מיר זיי גאר ניט דערקענען. די קומענדע דורות וועט אויסקומען צו לעזען זיי אין אן אנדער אויסזעהן, און אמאל גאר אן אנדער אינהאלט. דאס טאר מען ניט דערלאזען. נו, האב איך געוואלט פארלעגען איהם, אז ער זאל מיר איבערגעבען דאס ארויסגעבונגס-רעכט.

איך האב א שמייכעל געטהאן.

— וואס הייסט, איהר מיינט, אז ער וועט ניט איינשטימען?

— דאכט זיך...

אז אונבעקוועמע פויזע האט געפאלגט.

— מחשבות'ן — האב איך זיך דערמאנט — לעווי ניקאלאיע־וויטש האט בעקומען פון איינעם פון אייערע אבאנענטען א בריעף, אין וועלכען ער בעט, אז מען זאל איהם ענטפערען דורך אייער צייטונג.

און איך האב איהם איבערגעגעבען דעם אינהאלט פון דעם בריעף. ער האט געהערט האלטענדיג אראבגעלאזען דעם קאפ און צייכענענדיג מיט'ן שירעם פיגורען אויפ'ן שנעע.

— יא, געוויס, — האט ער אנגעהויבען ווען איך האב געענ־דיגט, — די פראגע איז אביסעל ניט בעקוועם געשטעלט געווארען, אבער איהר דארפט וויסען, אז די ריכטונג פון מיין צייטונג...

— נו, יא, איך קען די ריכטונג פון אייער צייטונג. איך וויים נאר ניט, מיט וואס איהר אליין ערקלעהרט אייער פערביסענע שנאה צו אידען.

סואווארין איז לעבעדיגער געווארען, ער האט זיך נערוועז אויפ־געהויבען, בעוועגענדיג דעם שירעם אין האנד און האט אנגעפאנגען שנעל צו רעדען:

„זעהט איהר, אין דער אידען־פראגע האב איך לגמרי ניט די אנזיכטען, וועלכע מען שרייבט געוועהנליך צו צו די יודאפאבען. איך איגנאריר אין גאנצען די רעליגיעזע זייט. מיין מיינונג איז, אז ניט די פראגען פון אמונה האבען בעשאפען די אידען־פראגע און ניט זיי וועלען זי לייזען. רעליגיאן האט דערמיט לחלוטין ניט צו טהאן, פארקעהרט, אויב די גאנצע שווערקייט פון דער אידען־פראגע וואלט בעשטאנען אין דער רעליגיאן, וואלט זי שוין לאנג געווען געלייזט, ווי זי איז געלייזט געווארען בנוגע צו די קאראאימען.

„סיי אונזער געזעצגעבונג, סיי אונזער עפענטליכע מיינונג זיינען ניט פיינדליך געשטימט געגענאיבער דער אידישער רעליג־יאן. אין דעם געזעץ ווענען די קאראאימען ווערט געזאגט, אז מען גיט זיי אלע רעכטע אלס אמת'ע אידען. איהר זעהט, אלזא, אז ניט די אנגעהעריגקייט צו דער אידישער אמונה שטערט צו דער גלייכ־

בערעכטיגונג. אדרבה, די אמת'ע אידען האבען בעקומען גלייכע רעכטע מיט דער איינגעבארענער בעפעלקערונג. רעליגיאן דארף אלזא אויסגעשלאסען ווערען פון דער פראגע. איך האלט אויך ניט פון דעם עקאנאמישען שטאנדפונקט. מיר שרעקט ניט דער שטן פון דעם פערשיעדענעם איד־עקספלואטאטאר. דאס האט מען אויך צופיעל צובלאזען און עס איז גאר ניט אזוי שרעקליך. דיזע זייט פון דער פראגע איז אייגענטליך אזוי אונבעדייטענד, אז וועגען דעם אליין וואלט קיינער אפשר גאר ניט גערעדט. ווען ניט אידען, וואלטען אנדערע זיך בענוצט מיט דער אונוויסענהייט פון פאלק. דער אייגענער רוסישער קולאק איז דארף איז נאך שרעקליכער און העסליכער פאר דעם איינגעוואנדערטען איד. מיט אידען לעבען זיך איין די פויערען אין די דערפער זעהר גוט, בעזאנדערס אין זיד־רוסלאנד, און עס איז זעלטען, אז איבער מסחר־אנגעלעגענהייטען זאלען דארט ארויסקומען מיספערשטענדניסע, אויב דאס פאסירט יע, איז די אורזאכע אין אזעלכע פעלע אימער די העצעריי פון דעם רוסישען קולאק־קאנקורענט. איך קוק אויף דער אידען־פראגע גאנץ אנדערש. ניט די רעליגיעזע, ניט די עקאנאמישע, נור די נ א־צ י א נ א ל ע זייט פון דער פראגע דארף ווערען ארויסגערוקט אויף דעם ערשטען פלאן, אט די זעלבע זייט, וועלכע עס האט ארויסגע־רוקט אויך דער קייזער פעטער דער גרויסער.

„פאר אונז זיינען פאראן צוויי נאציאנען. איינע איין אלטע, קלוגע, וועלכע האט געזעהן אין איהר לעבען אי גליק, אי יסורים; א נאציאן, וועלכע האט אויסגעארבייט פעסטע יסודות אין פאמי־ליען־לעבען, אין דער רעליגיאן; א נאציאן, וואס איז שטארק מיט איהר אינערליכער סאלידאריטעט און, אויב איהר ווילט, מיט איהר זיטליכער ריינקייט, — יא, איך אנערקען דאס.

„און פון דער צווייטער זייט אונזער פאלק, וואס הויבט ערשט אן געבארען צו ווערען, קוים ערשט ארוים פון די ווינדעלאך פון דער געשיכטע; א פאלק וואס האט ניט בלויז גארניט דורכגעלעבט, נור האט נאך ווענינ וואס פרובירט; א פרישעס, ווייכעס פאלק, אהן יסודות, און שטעהט נאך בעדייטענד נידעריגער לויט נאך זיינע פיעלע זיטליכע אייגענשאפטען. עס האט נאך ניט קיינע פעסטע

רעליגיעזע, קיינע פאמיליעז־יסודות; אנשטאט סאלידאריטעט הערשט איין אונפערשטענדליכע רייז־קינדערשע געגענזייטיגע פיינד־שאפט. די ציעלעז פון פאלק זיינעז נאך ניט קלאהר, קיין וועלט־אנ־שויאונג איז נאך ניט פעסטגעשטעלט.

„און אט ענטפערט, ווער וועט זיעגעז איז דער צוזאמענטרע־פונג פון דיזע צוויי נאציאנעז? מעז דארף ניט זיין קיין איבעריגער נביא, אום פאראויסצוזעהן א טרויעריגעז סוף פאר דער שוואכערער זייט. אונזער פאלק וועט ניט אויסהאלטעז דעם קאמפף און וועט זיך אונטערגעבעז. עס וועט דערטרונקעז ווערעז איז דעם אלטעז אידי־שעז ים, איז וועלכעז עס וועט בטל ווערעז זיין יונגע נאך ווענינ געלעבטע נשמה.

„אט וואס עס איז געפעהרליך און אט פאר וואס עס האט מורא יעדע ארענטליכע אמת־רוסישע הארץ, וועלכע טהוט א ציטער ביי'ם געדאנק פון א מעגליכעז אונטערגאנג.

„איך ווייס, איהר וועט מיר ענטפערעז, אז איז דעם איז קיין שרעקליכעס ניטא, אז אויב דאס אידישע פאלק איז ריינער און זיטליכער פאר'ן רוסישעז, איז וועמעז קעז דאס שאדעז. ווען דאס רוסישע פאלק וואלט בעאיינפלוסט געווארעז פון דעם אידישעז און וואלט געווארעז ריינער און זיטליכער? איך ווייס דאס; אבער איך מוז אייך זאגעז, אז א פאלק'ס לעבעז איז מעהר עמפפינדליך, ווי דאס לעבעז פון א יחיד, און ניט יעדעז איז עס אנגענעהם נאכצור־אהמעז. דאס רוסישע פאלק וויל געהן מיט זיין אייגענעם וועג און אויף דיזעז וועג וואלט עס וועלעז אויסמיידעז ווענעמס ניט איז איינפלוס און ווער רעדט נאך דעם אידישעז איינפלוס. אזוי איז מייז אנזיכט.“

איז הערבסט, ווען לעוו ניקאלאיעוויטש איז געקומעז צוריק און האט זיך דערוואוסט פון מיר וועגעז סאוואריז'ס אנזיכט, האט ער א שמייכעל געטהאז און האט אנגעוויזעז מיט'ן האנד אויף דעם טייכעל (מיר האבעז דאז צוזאמעז עפעס געארבייט נעבעז וואסער).

„איהר זעהט דאס רונצלעז פון וואסער, ווי עס בעוועגט קוים דעם אויבערשטעז שיכט און ריהרט גאר ניט אז דאס וואסער איז

דער טיעפּעניס. פּונקט אזוי זיינען די געדאנקען פון דיזע ביכער־חכמים. דיזע מענשען דרינגען אויך אזוי וועניג אריין אין דער טיעפּענים פון די פאָלקס־אינטערעסען, ווי די אויבערפלעכליכע בעוועגונגען פון דיזען טייכעל אויף די טיעפערע שיכטען.

דאָרט, אין די הויכע קאזארמעס פון די שטיקענדע שטעדט, פיהרען זיי אַז א קאמפּף מיט דעם אויסגעמאטערטען יודענטהום, און די האַרט־הערציגע מיינען נאָך אריינשלעפּען אין דיזען קאמפּף אונזער גוטעס און קלוגעס פאָלק. ווען עס זיינען אימער געווען פרעמד די בייזע געפיהלען פון אונטאָלעראנץ צו אנדערע. דיזע פערביטערטע פּובליציסטען און די אויסגעדארטע טשינאָווניקעס מיט טרוקענע נשמות מיינען ארויפצוואַרפען אַז אימה אויפ'ן פאָלק און שרעקען איהם מיט'ן אידען ווי מיט א בייזער קראַפט.

זיי מיינען, אַז דער אַדוואָקאַט אָדער דאָקטאָר, וואָס קאָנקור־רירט מיט זיי, איז פאר דעם פאָלק אויך אזוי שרעקליך, ווי פאר זיי, און ער איז ביכולת מיט עפּעס צו שאדען דיזער מעכטיגער פעס־טונג, וועלכע איז אזוי קרעפטיג מיט איהר ערד־אַרבייט, ווי די ערד זעלבסט.

זאָל דיזע אויסגעמאטערטע דורך טויזענד־יאָהריגע פערפאָל־גונג אומה קומען אהער אין דאָרף — פאר זיי וועט קלעקען אַ פּלאַץ. אַ פריינדליכקייט, אַ ערד־אַקער ארבייט, און אויסער א ווארעמע בעגריסונג וועלען זיי קיין זאַך ניט זעהן פון דיזע דאָרף־מענשען. גלויבט מיר, איך וואָהן אין דאָרף פון קליינווייז אַן און וואָהן אין אַן אלטען עכט־רוסישען דאָרף; איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן און ניט געהערט, אַז ביי ווען עס איז פון די דאָרפישע מענשען זאָל קאָכען א שנאה צו די אידען פאר זייער גלויבען אָדער פאר זייער נאַציאָנאַליטעט. פאַרקעהרט, איהר וועט פון יעדען פויער הערען די בעסטע מיינונג וועגען דער אידישער אמונה און וועגען זייער אַי־בערגעבענהייט צו איהר. דאָ, אין יאסנאיא פאָליאנא, געדענקט מען נאָך עד היום א אידען, וועלכער האָט געארבייט אין דאָרף, וואָס פלעגט זיך לויט די פאַרשריפטען פון זיין אמונה טובל זיין ווי נאָר טאָג און ווינטער פלעגט ער לויפען צום טייך זיך טובל זיין אין א פּראָרובקע. גיט א שמועס מיט אונזערע אלטע לייט וועגען

איהם, וועט איהר הערען וואס פאר א זעלטענע אנדעקונג דיזער מענש האט נאך זיך געלאזען.

— „אט דאס איז אן איזראעליט!“ זאגען זיי אלע. און דיזער געפיהל איז א זעהר אויפריכטיגער און ער שפיגעלט איז זיך אב די געפיהלען פון אונזער גאנצען פאלק.

אונזערע דארפישע לייט קענען זיך ניט פארשטעלען דעם גייס־טיגען צושטאנד פון מענשען, וועלכע האלטען א גאנצען פאלק איז די צוואנגען פון שטאדטישען לעבען און גיבען איהם ניט די מעג־ליכקייט צו בעזעצען זיך אויפ'ן לאנד און זיך פערנעהמען מיט דער איינציג פאסיגע פאר א מענשען ארבייט — ערד־ארבייט. דאס איז דאך אלץ איינס ווי ניט צו געבען דיזען פאלק לופט מיט וואס צו אטהעמען.

און ווירקליך, וועמען קען דאס שאדען, ווער קען דערפון ליידען, וואס אידען וועלען זיך בעזעצען אין די דערפער און אנהויבען פיה־רען א ריינעם ארבייטס־לעבען, נאך וועלכען עס בייגקט שוין גע־ווים גענוג דיזעס אלטע, קלוגע און שעהנע פאלק, דיזער גרויסער און געדולדיגער מארטירער פאר'ן גלויבען.

יא, פאר דער אמונה, און נאר פאר איהר. זאלען דאס ניט בע־האלטען די צבועק'עס פון אונזער צייט, ווי, למשל, דער פובליציסט, וועלכער איז געקומען אהער צופאהרען, — זאלען זיי ניט איינוויק־לען זייערע פערפאלגונגען אויף אידען אין די שמאטעס פון פער־שיעדענע אויסגעטראכטע און פאנאנדערגעבלאזענע שרעקען. אידען רודף'ט מען בלויז פאר זייער אמונה, ווארום זאל נאר א איד זיך שמד'ן, בעקומט ער גלייך אלע רעכטע, דארונטער אויך דאס רעכט צו בעזעצען זיך אויפ'ן לאנד און פערנעהמען זיך מיט ערד־ארבייט.

און כל זמן עס וועט אזוי זיין, וועט בלייבען ניט אבגעוואשען דער שווארצער פלעק פון רעליגיעזע פערפאלגונג, מיט וועלכען עס האבען זיך בעשמוצט די מענשען, וואס רופען זיך נאך, צום בע־דויערען, קריסטען.

רעליגיעזע פערפאלגונג?! — איז נאך דען ווען עס איז געווען א גרעסערער חלול השם ווי דיזער אויסדרוק, וועלכער איז אין גרונד גופא אזוי ווידערשפרעכענד? רעליגיאז, שליסט אויס פערפאלגונג

און שנאה, ווארום דער ערשטער געפיהל פון דער מענשליכער נשמה, איז וועלכער עס האט ערוואכט דער רעליגיעזער געדאנק, איז דאס בעוואוסטזיין, אז איבער איהם הערשט א העכערע מאכט, וועלכע האט איהם געשאפען צום לעבען און וועלכע ווינשט גוטעס פאר אלעס וואס לעבט. ווי זשע קען דיזע רעליגיעזע נשמה האלטען איין זיך שנאה און פערפאלגען וועמען עס איז צוליעב דיזער שנאה, ד. ה. טהאן אזעלכעס, וואס איז אקוראט דער היפוך פון דעם, וואס גאט פאדערט פון אונז? עס איז דאך קלאר, אז דאס טאר אזוי ניט זיין, און די מענשען, וועלכע טהוען דאס, זיינען נאך טויט און ניט גע־בארען געווארען פאר'ן גלויבען.

ניין! פון גאנצען הארצען וואלט זיך וועלען זאגען די מענשען, אז בעשאפענדיג די אידען־פראגע, בעגעהען זיי א גרויסע עבירה. אין די געגענזייטיגע פערהעלטניסע צווישען פעלקער, בעזאנדערס אין בעצוג צו אז אבהענגיגעס פאלק, מוז מען קודם כל אבראמען פון וועג יעדע פערפאלגונג, יעדע אונטערדריקונג, יעדע רעכטלא־זיגקייט.

דאס דארף זיין פריהער פון אלעס!..

אידען-האַס.

אין 1889־טען יאהר, ווען עס האט זיך אזוי ווי יעצט, אויף די אונגעזונטע איבערשטע שיכטען פון לאנד צובליהט די גיפטיגע בלום פון אנטיסעמיטיזם, און א גאנצעס פאלק איז געשטאנען אונ־טער דער געפאהר פון נייע רדיפות, איז צווישען די ערענטליכערע פון דער געזעלשאפט אויפגעקומען דער געדאנק וועגען אן עפענט־ליכען פראטעסט.

איך געדענק, דיללאן האט דאן צוגעשיקט צו טאלסטאיען אונטערצושרייבען דעם טעקסט פון א פראטעסט, וואס ער האט אויפגעשריבען אין זעהר שארפע אויסדריקע. דער פראטעסט האט געדארפט פערעפענטליכט ווערען אין דער רוסישער און אויסלענ־דישער פרעסע.

אן אויפגערעגטער, פול מיט פעראכטונג צו די פערפאלגער, האט ל. נ. אונטערגעשריבען דעם פראטעסט און האט דערנאך לאנג און היציג גערעדט וועגען דעם אונזין און די אכזריות פון יודא־פאבסטווא.

— מיר איז זעהר שווער זיך פארצושטעלען — האט ער גע־זאגט — דעם גייסטיגען צושטאנד פון די מענשען, וועלכע זיינען בעהערשט פון דיזען אונזין. איך געדענק ניט איך זאל אין מיין לע־בען האבען געפיהלט עטוואס אזוינס. און איך האב אזעלכעס ניט בעמערקט אויך ביי׳ם פאלק. נאר בעטראכטענדיג גענויער, זעה איך אלץ קלאהרער, אז יודאפאבסטווא איז ניט א מיינונג, ניט א פאליטישע איבערצייגונג, ניט א פארטייאישע אנזיכט, נאר א קרענקליכער צושטאנד, א ווילדע תאוה, א תאוה, וועלכע איז מעהר פון אלץ ענגליך צו די געמיינע געשלעכטליכע ליידענשאפטען פון א בעזאנדער־אוננאטירליכער, עקלהאפטער פארם.

עס זיינען פאראן מענשען,—בעזאנדערס בעגעגענט מען זיי צווי־שען פער׳שכור׳טע און נידעריג געפאלענע גאסען־פרויען, — וועלכע זידלען זיך מיט די געמיינסטע און שמוציגסטע ווערטער און שענד־ליכסטע זידלעריי אהן אבהאלט ביז שוים אין מויל; און ווען זיי דערגעהן ביז אזא גראד פון ווילדקייט, אז זיי קענען שוין זעלבסט ניט פיהלען, וואס זיי טהוען, שטעלען זיי ארוים פאר לייטען זייער שענדליכקייט אוןווארפען זי די מענשען אין פנים אריין, אלס די העכסטע מדרגה פון עקעל. און, ווירקליך, עס איז שווער אויסצו־טראכטען עטוואס שענדליכערעס.

אזא עקעלהאפטע שענדליכקייט צייגען ארוים די, וואס זיינען בעפאלען מיט דער יודאפאביע־לײדענשאפט. זיי חזר׳ן אויך איבער אהן אן אבהאלט מיט אן העסליכע מתיקות די בעקאנטע, פערשי־מעלטע, זינלאזע זידלערייען אויף אידען. ביז שוים אין מויל קייען זיי איבער זייערע וואכעדיגע שימפפעריי, און מען זעהט ווי דיזעס רופט ארוים ביי זיי א געפיהל פון געמיינע זעלבסטבעפרידיגונג און טהירישע געשמאקהייט.

און דאס איז אלץ איינס אין דער מינדליכער אדער שריפטלי־כער זידלעריי. נעהמט דעם בעסטען פון די יודאפאבישע שרייבער, וועלכער איז אין אנדערע פראגען גענוג ניכטער און לאגיש צוזאמענ־צובינדען א געדאנק און ניט ווידערהאלען זיך. נאר ווי עס קומט צו אידען, אזוי געפינט איהר אין יעדער שורה דעם זעלבען ווארט „זשיד“ און אפט נאך צו צוויי אדער דריי מאל אין א שורה. פונקט ווי יענע אונפערשעמטע פרוי מיט איהרע נבול פה. עס איז מיר שווער צו געפינען אן אנדער פערגלייך פאר אונזערע (איהר וועט מיר מוחל זיין: מיר איז אבשייליך אפילו ארויסצורעדען דעם ווארט) זשידא־פרעסערישער ליטעראטור.

אבער דיזע עהנליכקייט געהט נאך ווייטער.

עס זיינען פאראן מענשען, — אהן א צווייפעל קראנקע, וואס מוזען סוף כל סוף אנקומען צו א דאקטאר, — וועלכע ענטוויקלען אין זיך אוננאטירליכע, אויסגעקינצטעלטע תאוות. דאס איז איינע פון די מינים פון די סדום־פערברעכען.

אזעלכע לייט דערקענען איינער דעם אנדערען צווישען א מענגע

מענשען נאך דעם גלאנץ פון די אויגען, נאך'ן אייגענארטיגען שמייכעל, נאך דעם פינטעלע מיט די ברעמען. און דערקענענדיג זיך, פרעגען זיי זיך מיט די שאנדע־טהאטען, טויטענדיג די נשמה און איהר ריינקייט.

פונקט אזוי זיינען די יודאפאבען. זיי דערקענען אויך איינער דעם צווייטען נאך אן אייגענארטיגען, נאר פאר זיי אליין אייגענטהימליכען, משונה'דיגען שמייכעל, דורכגעמישט מיט פאלשקייט און פארשטעלטען וועהטאג. זיי האבען אויך זייערע זאנדערבארע נייגונגען מיט'ן קאפ, פינטלען מיט די ברעמען, בעזאנדערס, ווען נעבען זיי געפינט זיך אדער עס איז פארבייגעגאנגען א איד. און אז זיי האבען זיך דערקאנט, הויבען זיי אן ארויסצואווייזען די געמיינהייט פון זייער נשמה און ברומען זייער בעליעבטען ווארט „זשיד", און קייען איהם פאנאנדער אין פערשיעדענע אופנים: „זשידאוסקע", „זשידיוגא", „זשידאוויז" א. ז. וו. מעהר ווי דאס הערט מען ניט פון זיי.

דאס וואס זיי רעדען דערביי אויך וועגען פאליטיק, וועגען עקאנאמיע, וועגען געשיכטע און אפילו וועגען רעליגאן, וועגען דער אלוועלטליכער הערשאפט פון די אידען אין דעם קהל, — דאס אלעס האט קיין ווערדע דאס איז נאר איין אויסרעד, א מיטעל צו פערהיטען זייער פרי פון פוילען. דער עיקר איז אבער די פרי זעלבסט, וועלכע זיי זויגען, צוקייען, און, בעלעקענדיג זיך, סמאקעווען זיי פון דיזען העכליכקייט, געפינענדיג דערין א זאנדערבארען טעם און פערגניגען.

מיר איז מאנכע מאל אויסגעקומען, פאהרענדיג אין וואגאנעס אדער אויף דאמפפערב, צו הערען שטונדען־לאנג דיזע געשפרעכען און איך בין נשתומם געווארען פון דער אינהאלטסלאזער איינטאניגקייט פון זייערע טענות און דעם געלעכטער מיט דער קוויטשעריי, וועלכע עס רופט ארויס ביי זיי אזא ארט „געשפרעך".

מערקווירדיג, ווי דאס דערמאנט אן דעם געלעכטער און קוויטשעריי פון א צולאזענע חברה, וואו די מענער און די פרויען, אויסנוצענדיג שוין אלע מעגליכע ציניזשע אויסדריקע, דרעהען זיך ארום ליידענשאפטליך אין דעם אלטען קלעפיגען זומפ פון נבול פה און

גייסטיגער צופוילטקייט. און פונקט ווי צווישען יענער קאמפאניע ווערען דא דערצעהלט דומע אנעקדאטען, בעגלייט מיט העסליכע שילדערונגען און גרימאסען.

איך שפיעל ניט מיט קיין פערגלייכונגען און וויל ניט דורכ־פיהרען די אנאלאגיע אין אלע איינצעלהייטען. איך וויל בלויז פעסט־שטעלען דעם דאזיגען זיכערען געדאנק, אז די יודאפאביע איז א קראנקער, שענדליכער, תאוה'דיגער געפיהל, וועלכער בליהט און ענטוויקעלט זיך ביי די פעלקער און אין די צייטען, ווען די שמור־ציגע כוואליע פון אויסגעלאסענהייט האט פערפלייצט די מחות און די הערצער פון די מענשען. אזוי זיינען געווען: עגיפטען, רוים מיט איהרע געשלעכטליכע פערדארבענהייט, די מאנאכען מיט'ן פאפסט מיט זייערע סדום־פערברעכען; אזוי איז פראנקרייך מיט איהר אויס־געלאסענהייט. און אזוי איז ביי אונזערע פערדארבענע העכערע שיכטען, פון וואנען עס טראגט א גיהנום ריח, און וואו די משונה'־דיגע ליידענשאפטען נעמען אן די זעלבע אבשייליכע, עקעלהאפטע פארמען, ווי ביי די אלטע פעלקער.

נאר דערמיט ערקלעהרט זיך דאס, וואס די יודאפאביע איז פערשפרייט דוקא אין דיזע קרייזען און פון דארט ערשט רינט אראב דיזע פערפעסטעטע פליסיגקייט און פער'סם'ט דעם טהאל פון פאלקס־לעבען, ווי דער פערפוילטער אבפאל פון די פאבריקען פער־גיפטעט דעם ארומיגען געגענד.

דעם פאלק זיינען פרעמד די יודאפאבישע געפיהלען, אזוי ווי איהם זיינען פרעמד פערשיעדענע פערדארבענהייטען. דאס פאלק ווערט נאר אנגעשטעקט פון אויבען, וואו די מענשען זיינען ווי א זומפ, „וועלכער שוימט מיט שענדליכקייטען", ווי עס זאגט דער אפאסטאל.

און פון אלע העסליכקייטען איז די יודאפאביע די שענדליכסטע און עקעלהאפטעסטע. דא איז פאראן אי גאל פון שנאה, אי גיפט פון משוגעת, אי דער נידערטרעכטיגער שמייכעל פון פערראטה און אלעס, וואס עס קענען נאר ארויסשליידערן די ניעדריגסטע אינ־סטינקטען פון דער מענשליכער נשמה:

זאל מען ניט זאגען, אז די אידען זיינען אזוינע און אזוינע, אז

זייער לעבען, זייער אמונה, זייערע האנדלונגען רופען ארויס דעם געפיהל פון יודאפאביע, — ניין!

די ריינע יודאפאביע בעטראכט ניט קיין חטא און קימערט זיך ניט וועגען קיינע חטאים.

זעהר אפענהערציג האט גערעדט וועגען דעם דער קייזער אדריאנוס.

מיט איהם האט זיך איינמאל בעגעגענט א איד און האט זיך פאר איהם פערנייגט.

— ווער ביזטו? — האט א פרעג געטהאן דער קייזער.

— א איד.

— א איד... און דו האסט געוואגט מיך צו בעגריסען, אזוי ווי איך וואלט געוועזן עפעס דיינער א בעקאנטער!.. טויטעט איהם!..

א צווייטעס מאהל בעגעגענט איהם אן אנדער איד, וועלכער האט שוין געוואוסט וועגען דעם פסק, וואס דער ערשטער האט גע־האט. דיזער איז פארבייגעגאנגען און האט ניט בעגריסט דעם קייזער.

— ווער ביזטו? — האט איהם אדריאנוס אבגעשטעלט.

— א איד.

— א איד, און דו האסט זיך ערלויבט פארבייגעהן ניט פער־נייגענדיג זיך צו מיר!.. טויטעט איהם!.. —האט ער אבגעגעבען א בעפעהל.

ווען דעם קייזער'ס נאהנטע האבען מיט האלבע רמזים אויס־געדריקט זייער פערוואונדערונג איבער דעם, האט אדריאנוס זיי גלייך געענטפערט:

— איך קען זיי ניט אנזעהען און בענוץ מיך מיט יעדער געלע־גענהייט זיי אויסצוראטהען.

און אזוי זיינען אלע יודאפאבען.

איז וואס פאר א תהום פון שרעקען שלעפען אונז דיזע מענ־שען מיט זייערע ווילדע שגעונות, איז וואס פאר א חורבן גרייטען זיי פאר דאס לאנד, ווען דיזער שגעון זאל פערכאפען ברייטערע קרייזען. ניט קיין אינערליכע אונארדנונגען, ניט קיין פיינדליכע

חילות מאכען חרוב פעלקער און לענדער, נאר די צופאלונג פון דער אינערליכער קראפט און די פערפינסטערונג פון דער גייסטיגער ריינקייט, דער וואוקס פון די געמיינע תאוות, שנאה און אויסגע־לאסענהייט צוזאמען מיט אונפריינדליכקייט צו אנדערע נאציאנען. — אט וואס עס ברענגט אום און ראמט אראב פון דעם פנים פון דער ערד פעלקער, לענדער און מלוכות.

— מענשען, — ווילט זיך אויסשרייען צו אלעמען — וואס טהוט איהר? ווארום פערמעהרט איהר אייערע פערברעכען און מיט אייע־רע אונערהערטע גרויזאמקייטען צו אנדערע העלפט איהר פערביטע־רען דעם שיקזאל און שלעפט ארויף יסורים אויף זיך זעלבסט!

דאס גרויסע לאנד, וואס שיינט יעצט צו זיין אונערשיטערליך, קאלאסאל און אייביג, וועט פארפוילט ווערען דורך און דורך און וועט צושאטען ווערען ווי א דורכגעפוילטער בוים, ווען מען וועט ער־לויבען די ווערים פון שנאה צו גריזשען איהר אינגעווייד און פרע־סען די קארע.

די ריעזיגע געביידע וועט ניט אויסהאלטען און מיט רעש וועט זי איינזינקען אין תהום פון פערגעסענהייט, וואוהין עס זיינען שוין אריינגעפאלען פיעלע פעלקער פאר די זעלבע זינד. אי רוים, אי עגיפטען, אי בבל זיינען געפאלען און חרוב געווארען צוליעב זייער שנאה צו די פעלקער, וועלכע האבען בעוואהנט דיעזע מדינות. ווייל שנאה, גלייך ווי אייז, קען ניט דיענען פאר צעמענט און וועה איז צו יענער מדינה, וועלכע ווערט עהנליך צו א הויז פון אייז, וואו די אונטעריאכטע און געפאנגענע פעלקער, בעגאסען מיט האס און פערפרוירען מיט אכזריות, דארפען דיענען אלס זיילען אום אונ־טערצושפארען די וואנד און די כטעליע.

מאכט ניט אונזער מדינה עהנליך צו אזא הויז, פערפריהרט ניט די פעלקער, וואס וואהנען צווישען אונז, מיט שנאה! ערווארעמט אייער הארץ און ציהט אוים אייערע ארעמס צו די בעליידיגטע און פערפאלגטע.

לעבענדיג צווישען אונז, האבען די אידען דערלעבט דערצו, אז עס איז מקוים געווארען די שווערע נביאות:

„און עס וועט ניט זיין קיין מקום מנוחה פאר דיין פוס, און עס

וועט דיר געגעבען ווערען א ציטערענדעס הארץ, א בענקעניש פון דער נשמה און אויסגעווייננטע אויגען״.

וואס פאר א׳ן אכזרים זיינען מיר דאס, אויב מיר האבען דאס אלעס זיי גורם געווען און דורך די אונאויפהערליכע רדיפות גיבען מיר ניט קיין רוה פאר זייערע פיס, דורך פאגראמען און הריגות האַבען מיר אין זיי איינגעפלאנצט א ציטערענדעס הארץ, א בענקענים אין דער נשמה און אויסגעווייננטע אויגען.

בעדענקט זיך, מענשען, און דערפיהרט ניט די אכזריות ביז צו ענדע!..״

וועה געשריען, דיזע ווערטער פונ׳ם גרויסען מאן בלייבען דערווייל א קול קורא במדבר!

א בריעף פון ל. נ. טאָלסטאָי וועגען אידען.

אין ל. נ. טאָלסטאָי איז פאראן א וואונדערבארער כאראקטער-צוג. ער קען ניט ווערען היגגעריסען צוגלייך מיט אנדערע און ניט ענטריסטעט גלייך ווי אלע. דאָס איז א צוג פון א פיהרער, א צוג פון א וועגווייזער פאָר דער מענשהייט. זיין זאך איז — אָנצינ-דען די ראקעטע פון אויפדעקען און גלויבען, און ווען דער וועג צו נייעם איז שוין בעלויכטען, ווען אלע זעהען שוין דעם שטעג און לויפען אליין איבער איהם און בעלייכטען איהם מיט זייערע לאַנ-טערנלעך, דאן רוהט דער פיהרער אָב און גרייט צו נייעם ליכט צום אָנצייגען א נייעם וועג צו אמת און גליק.

אזוי איז געוועז מיט ל. נ. אין דער צייט פון אלגעמיינער אויפ-רעגונג איבער דעם קישינעווער פאָגראָם.

איך געדענק, עס האָט זיך איהם שטארק געוואָלט ארויסטרע-טען מיט א דונערענדען ארטיקעל און מיט צארן שטורמען איבער די קעפּ פון די שולדיגע אין די שוידערליכע פאסירונגען. נאָר גראדע דערפאר וואָס די ענטריסטונג האָט שוין ארומגעכאפּט אלעמען און פאר יעדען איז געווען קלאָהר די גרויזאמקייט פון די מעשים, איז איהם אויסגעקומען פאר איבעריג צו זאגען אויך זיין וואָרט. בפרט נאָך, אז דער הויפּט גייסטיגער שטעג, יענער שטעג, וואָס פיהרט די מענשען צו שוידערען איבער דער פערברעכערישער פערווילדקייט פון די מענשען, איז שוין דורך איהם העלל בעלויכטען געוואָרען אין זיינע פריהעריגע ווערק און זיין ראקעטע פון אויפדעקען דער וועלט'ס זינד האָט זיך נאָך געטראָגען אין דער לופט און פאָנאנדער-געשאָטען פונקען.

מען האָט איהם פערוואָרפען מיט בריעף. מען האָט געפאָדערט,

ער זאָל קלאָר אויסדריקען זיין שטעלונג צו די אידען. און, אנשטאט א גרויסען אַרטיקעל, האָט ער עס געטהון אין א קליינעם בריעף צו איינעם פון די וואָס האָבען צו איהם געשריבען, צו א געוויסען ד. שאָר.

דאָס איז דער טעקסט פון בריעף:

— אלע מיינע קאָרעספאָנדענטען, עבען אזוי ווי איהר, פאָדערען, איך זאָל מיך אויסשפּרעכען וועגען די קישענעווער פּאַסירונגען. מיר שיינט, אז דיזע פאָדערונג איז געשטיצט אויף א מיספערשטענדניס. זי איז א רעזולטאט פון דער השערה, אז מיין שטימע האָט אן איינפלוס. ווען מיר וואָלט טאַקי געקומען אויפ'ן געדאַנק אזוי צו טהון, וואָלט מיר אויסגעקומען בלויז איבערצו'חזר'ן דאָס וואָס אנדערע האָבען שוין געזאָגט, און דאַן וואָלט מיין ערקלערונג ניט געהאַט יענע בעדייטונג, וועלכע מען וואָלט אין איהר געוואָלט זוכען. וואָס אַנבעטרעפט מיין בעציהונג צו די אידען, דענק איך, זי דאַרף זיין קלאָר פאַר אַלע וואָס זיינען בעקאַנט מיט מיין וועלטאנשויאונג. מיין בעציהונג צו די אידען קען זיין נאָר א ברידערליכע. איך ליעב זיי און דאָס ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען אידען. ניין, נאָר דערפאַר וואָס מיר, זיי — אלע מענשען — זיינען קינדער פון איין פאָטער — גאָט. די ליעבע פאָדערט פון מיר קיין אנשטרענגונג ניט אגב אויך דערפאַר, וואָס איך האָב זיך געטראָפען נאָהענט מיט אנגעזעהענע אידען און איך קען זיי... באַלד ווי איך האָב ערהאַלטען די ערשטע ציטונגס בעריכטען, נאָך איידער איך האָב געהאַט די מעגליכקייט צו בעקענען זיך מיט די איינצעלהייטען פון די פאַסירונגען, האָב איך בעגריפען די גאַנצע גרויזאַמקייט פון די מעשים און איך האָב געשפּירט א שווערען געמישטען געפיהל פון מיטלייד צו די אונשולדיגע אָפּפער פון דער בלוטדורשטיגער מאסע און פון ערשטוינען איבער די ווילדקייט פון די מענשען, דיזע בלומרשטע קריסטען; א געפיהל פון טיעפען שרעק און עקעל פאַר די זאָ גערופענע געבילדעטע מענשען, וואָס האָבען אַנגערייצט דעם המון און אנגעפיהרט מיט זיינע מעשים . . . .

. . . .

. . . .

דער בריעף ענדיגט זיך אזוי:

„דאס איז אלעס, וואס איך האב געקענט זאגעו וועגעו קישי־נעווער פאגראם. נאר דאס האב איך שוין פון לאנג געזאגט“.

אייער לעוו טאלסטאי.

יאסנאיא פאליאנא, 27טען אפריל, 1903.

און ווירקליך, ער האט שוין פון לאנג געזאגט.

איך געדענק, נאך אין יאהר 1885, ווען עס איז אויך געווען די רעדע וועגען דער בלוטיגער רייהע פון די דאמאלסדיגע פאגראמען, האט ל. נ. געזאגט מיט צארן:

— איך פערשטעה ניט דעם גייסטיגען צושטאנד פון די מענ־שען, וועלכע נעמען זיך נאך פערטהיידיגען אזא נאקעטע און פאר אלעמען אויגענשיינליכע אכזריות. אויב איהר האט עפעס געגען די אידען, פערזאמעלט זיך און משפט זיי אפען, אלע זאלען הערען און קומט צו א וועלכען עס איז שלום און לעבט בשלום. און דאס איז דאך אזוי אויספיהרבאר, ווייל צווישען דער אידישער און דער קריסטליכער בעפעלקערונג איז ניטא קיין ראסען האס, קיין נאציא־נאלע שנאה, — דאס אלעס איז א רכילות אויפ'ן פאלק. און איהר מאכט זיי פעראנטווארטליך פאר פרעמדע און מעהרסטענטהיילס פאר אייערע אייגענע זינד און אויף זיי ווענדעט איהר אב דעם צארן פון פערשקלאפטען פאלק. קען מען גאר געפינען א נאמען דערפאר?

די קאלאניזירונג פון אידען.

אין זומער 1894טען יאהר האב איך בעקומען אין פאלטאווא אזא בריעף:

„פיעלגעאכטעטער א. ב.! דער שרייבער פון דיזע שורות איז געפאהרען לויט דעם אויפטראג פון דער רעדאקציע פון זשונאל „וואסכאד“ קיין יאסנאיא פאליאנא צוזאמען מיט דעם אמעריקאנער פרעדיגער דר. דזשאזעף קראוזקאפף. דער דר. ק. האט געוואלט אויסהערען די מיינונג פון גראף ליעוו ניקאלאיעוויטש וועגען דער אידען־פראגע בכלל און וועגען דער מעגליכקייט צו קאלאניזירען זיי אין רוסלאנד בפרט. ל. נ. האט זיך פערהאלטען זעהר סימפאטיש צו דעם פראיעקט פון דר. ק., האט אויפמערקזאם אויסגעהערט אייניגע בעמערקונגען, וואס איך האב געמאכט, און האט פערשפראכען ספעציעל צו שרייבען איבער דיזער פראגע. אגב אורחא האט ל. נ. געגעבען דעם דר. ק. א בריעף צו אייך, אלס אן איבערצייגטען אנהענגער פון דער קאלאניזאציאנס אידעע. נאר, ליידער, קען דר. ק. פאר קיין פאל זיך ניט איינארדנען אזוי, אז פאהרענדיג נאך זיד־רוסלאנד, זאל ער קענען זיין אין פאלטאווא. מארגען פריה פאהרען מיר נאך אלעקסאנדראווסק צו בעקוקען די אידישע קאלאניעס פון דיזען אויעזד, און פון דארט וועט דר. ק. פאהרען קיין אדעס. צו וואלט איהר, פיעל געאכטעטער א. ב., ניט געקענט ווי עס איז צופאהרען קיין אלעקסאנדראווסק אדער אדעס און מודיע זיין דעם דר. קראוזקאפף פאראויס וועגען דעם טעלעגראפיש? דער דר. וואלט זעהר וועלען מיט אייך פארברענגען, אבער ער קען ניט ענדערען זיין מארשרוט. דערצו צושייד איך זיך מיט איהם אין אלעקסאנדראווסק און פאהר אב צוריק קיין פעטערבורג, זא דאס איהם וועט שווער זיין צו אריענטירען זיך. בעקלערט זיך דערום אויב עס קען פאר־

ווירקליכט ווערען אייער טרעפען זיך מיט איהם און לאזט אונז וויסען אייער בעשלום. מיט אמת'ער אכטונג ל. בראמסאן".

דיזער בריעף האט מיך דערפרעהט ניט דערמיט, וואס אן אמע־ריקאנער איז געקומען קיין רוסלאנד און וויל וואס טהאן פאר אי־דען, — מיך האט דערפרעהט דאס, וואס ליעוו ניקאלאיעוויטש איז געווארען אזוי נאהענט צו דער קאלאניזאציאנס־אנגעלעגענהייט, און דאס עס קען זיין, אז ענדליך וועט די הייליגע ארבייט אננעהמען אן ערפרעהענדע, ווינשענסווערטהע ווענדונג. איך האב איהם גלייך געשיקט א בריעף און אנגעפרעגט וועגען דעם אמעריקאנער, אויב עס לוינט פאהרען זיך זעהן מיט איהם. דערויף האט ל. נ. געענט־פערט מיט פאלגענדען בריעף:

„אן אמעריקאנער איד, א פרעדיגער איז געקומען צו פאהרען צו פועל'ן ביי דער רעגירונג, אז מען זאל געבען די אידען אין רוס־לאנד ערד פאר קאלאניזאציאן. זיי וועלען אין אמעריקא זאמלען קא־פיטאלען צו בעזארגען דיזע קאלאניעס מיט די נויטיגע מיטלען און זיי וועלען שיקען אנפיהרער. — דער פלאן איז א גוטער, אבער עס איז א צווייפעל, אויב די רעגירונג זאל דערויף איינשטימען. איך האב פונדעסטוועגען זיי אויסגעדריקט מיין פאלשטענדיגען מיט־געפיהל און געגעבען א צעטעלע צו אייך, דענקענדיג אז איהר קענט זיי געבען א גוטע עצה. עס איז אבער ניט כדאי איהר זאלט צו זיי פאהרען. ער איז א מענש א פרעמדער אין גייסט, ער האט מיר גע־לאזען א ביכעל פון זיינע רעדעס. אין איינער פון זיי בעווייזט ער, אז מען דארף ניט אונטערשטעלען די צווייטע באק, ווען אימיצער גיט א פאטש אין איינער, אדער אבגעבען דעם בגד פון זיך, נאר ווייזען א פויסט און א בייטש, אז מען זאל אייך א צווייטען מאל ניט פאטשען און ניט נעהמען אייער בגד.

זייט געזונד דערווייל, א גערוס אונזערע פריינד, אייער ליע־בענדער ליעוו טאלסטאי".

איך בין אלזא צום אמעריקאנער ניט געפאהרען. זיין מיסיע, ווי עס איז בעוואוסט, האט זיך ניט געענדיגט מיט ערפאלג, און דאס האט ל. נ. געקרענקט.

עפּעס אויפרעגענד אונזיניגעס — האָט ער געזאָגט — ליעגט אין דיזער ווילדער עקשנות פון דער פּערוווילדעטער ביוראָקראַטיע, וועל־כע מאַטערט און פערפאָלגט מיט אַזאַ אכזריות׳דיגע סיסטעמאַטיש־קייט דאָס אזוי אויך אויסגעמוטשעטע אידישע פאָלק. וואָס שטערט די פּאַפּירענע דעפּאַרטאַמענטען פון פּעטערבורג צו געבען אַ מעג־ליכקייט דעם אויסגעמאַטערטען פאָלק צו נעהמען זיך פאַר דער אַלטער, לאַנגסטיגער, אזוי פיעל געשעצטער פאַר זיי ערד־אַרבייט! עס איז דאָך געגוג נאָר געבען זיי אַ ווינקעל, אָדער עלכען ניט אין ווינקעל, אָדער סתם ערלויבען זיי צו בעזעצען זיך איבעראַל אין די דערפער, — און די פערגליווערטע גליעדער פון דעם פּערזעסענעם פּאָלק, וועלען זיך אויסגלייכען, און עס וועט ווידער אויפלעבען. נאָר אונזערע רעגיערער, זייענדיג דורכגענומען מיט דער ליידענשאַפט צו בע־פעהלען, האָבען ניט ליעב צו ערלויבען. זיי וואָלטען גיכער איינגע־שטימט מיט געוואַלד צו בעזעצען די אידען אויפ׳ן לאַנד און אוועק־שטעלען איבער זיי שומרים מיט שטעקענס אין די הענד, ווי אין די צייטען פון אַראַקטשעעוו אָדער פון די פּרעה׳ס אין מצרים, איי־דער אַרויסלאָזען זיי אויף אַ ווייל פון די נעגעל פון פערבאָטען און רדיפות.

נאָר עס וועט קומען אַ צייט, — און איהר וועט זעהן, ווי אַלעס וועט ווערען אַנדערש. שוין צופיעל מיעד זיינען מיר געוואָרען פון די שרעקען פון די בעפעהלען.

ציוניזם.

לעוו ניקאלאיעוויטש האט געמאכט זיין געוועהנליכען פריה־מארגען שפאציר איבער'ן פארק און האט בכיון אויסגעמידען שטענ־לאך און אויסגעטראטענע ערטער. ער איז געגאנגען שנעל (איך האב קוים געקענט נאכגעהן נאך איהם), קונציג דרעהענדיג זיך צווישען די ביימער און פלאך אונטערבויגענדיג זיך אונטער די צווייגען פון די ענג־צוזאמענגעוואקסענע ליפעס מיט זייערע געדיכטע בלעטער, וועל־כע האבען געגעבען אן אנגענעהמען שאטען און א שטילע קיהלהייט.

דער געשפרעך איז אנפאנגס געווען וועגען דעם קלעריקאליזם אין פראנקרייך, און ביסלעכוויז זיינען מיר ארויף אויף'ן ציוניזם.

— דיזע בעוועגונג האט מיך אלע מאל אינטערעסירט. — האט געזאגט ל. נ., — ניט דערמיט, וואס זי גיט איהר פאלק איין אויסוועג פון דער שווערער לאגע, — ווייל קיין אויסוועג גיט זי, אייגענטליך, ניט — נאר אלס א קלארער ביישפיעל, אויף וויפיעל מענשען מיט א גרויסער ערפאהרונג, וועלכע האבען שוין פיעל דורכגעמאכט, קע־נען מיטגעריסען ווערען.

מיר זעהען, ווי אן אלטעס, קלוגעס, פיעל ערפאהרענעס פאלק, וועלכעס האט דורכגעליטען איינע פון די שרעקליכסטע קרענק פון דער מענשהייט, פאנגט וויעדער אן צו קרענקען אויף דיעזער חולאת. אין איהם ערוועקט זיך אויף דאס ניי דער דורשט נאך א מלוכה־מאכט און דער שלעכטער וואונש צו רעגירען און צו שפיעלען א ראָ־לע. איהם ווילט זיך ווידער איינארדנען דעם גאנצען אנשטעל פון אויסערליכען נאציאנאליזם, מיט זיין מיליטער, זיינע פאהנען און אייגענע הערבען אויף די פאפירען פון די געריכטס־אורטהיילען.

מיר דאכט זיך אבער, אז בלויז די מינדערהייט איז בעהערשט פון דיעזער פינסטערער ליידענשאפט, וועלכע פיהרט צו א זיכערער

רואינע דורך דעם, וואס מען צערט אוים די ערדלע שטרעבונגען פון גייסט מיט שטרעבונגען צו פערכאפונגען און געוואלט. איך דענק אז מיט דיזער חולאת פון „אויפלעבען“, וועלכע איז אין דער ווירק־ליכקייט „דעגענעראציאן“, זיינען אנגעשטעקט בלויז די שוואכערע עלעמענטען פון פאלק, וועלכע האבען ליעב צו חקירה'ן זיך און מקנא צו זיין דעם אויסערליכען גלאנץ פון די אייראפעאישע פעל־קער.

די פיהרער פון דער בעוועגונג זיינען, אליין ניט וויסענדיג, אריינ־געפאלען אין דער שרעקליכער זינד פון אבטהיילען זיך פון די איבע־ריגע, און האקען אריין דיזען פערברעכערישען געדאנק אין דעם בע־וואוסטזיין פון מענשען, פאר וועלכע זיי שטעלען ארוים די זאך גאר ניט אין אזא געשטאלט, ווי זי איז עס אין דער ווירקליכקייט.

זיי טענה'ן די גאנצע צייט, אז דער ציוניזם איז א פראגרעסיווע בעוועגונג פון'ם פאלקס גייסט, וועלכער וויל ענדליך אראבווארפען די גלות קייטען און געבען דעם פאלק א מעגליכקייט צו פיהרען א פרייען, זעלבסטשטענדיגען לעבען אויף די הייליגע בערג פון אלטער־טהום, וואו עס איז בעגראבען זיין גרויסע פערגאנגענהייט. דאכט זיך, איהר אליין האט מיר דערצעהלט וועגען יענעם פרעדיגער, וועל־כער האט אין א שוהל אין טולא, שלאגענדיג זיך אין ברוסט און קלאגענדיג, גערופען די אידען קיין ארץ ישראל און געזאגט: „מיר וועלען דארטען דערזעהן דעם שטיין, אויף וועלכען עס איז געזעסען יעקב, און טרעטען אויף דעם וועג, אויף וועלכען עס איז געגאנגען אברהם אבינו“.

אבער דאס איז דאך די צרה, וואס די בעוועגונג איז ניט פראַ־גרעסיוו, ניט פאלקס־טהימליך און זי וועקט ניט קיינע געפיהלען.

דער שטיין פון יעקב'ן און דער שטעג פון אברהם'ען זיינען אזעל־כע ווייטע פאר'ן גייסט זאכען, וועלכע קענען ניט אויפהויבען דאס פאלק און געבען איהם א וואנדער־שטעקען אין האנד. דאס פאלק איז ניט קיין פארשער פון אלטערטהום, און צוליעב אויסגראבונגען וועט עס זיך ניט אויפהויבען אין א צעהנמיליאָניגער מאססע פון די ערטער, וואו עס האט זיך שוין איינגעלעבט, וואו עס האט פארבראכט פיעלע דורות און וואו עס פיהלט זיך היימישער, ווי צווישען די שטיי־

נער פון יעקב און די שטענגען פון אברהם. דאס קען מען אויך זעהן פון די, וואס פאהרען אוועק קיין אמעריקא און קענען נאכהער ניט איבערטראגען די יסורים אין דער פרעמד. אנגעליטענע און אויסגע־מאטערטע קעהרען זיי זיך אום צוריק און קושען די היימישע ערד, די שווארצע ערד פון דער זעלבער רוסלאנד, וועלכע זיי ליעבען טראץ דעם, וואס די אונטערדריקער, פערלירענדיג דעם געוויסען און גע־פיהל פון שאנדע, סטארען זיך צו מאכען דאס אידישע לעבען פאר א גיהנם פון יסורים.

ענדליך, אויב דאס אנדענקען וועגען די היילינגטהימער פון פא־לעסטינא וואלט געווען אזוי שטארק ביי דעם אידישען פאלק און די דורשט דארט צו וואהנען וואלט ווירקליך געווען אזוי גרויס, טא, גאט מיינער, וויפיעל געלעגענהייטען איז שוין געווען פאר 1800 יאהר צו־ריק זיך אומצוקעהרען אהין און בעזעצען זיך אויף דעם לאנד פון די אבות?

אבער דאס פאלק האט בעוואוסטזיניג דאס ניט געוואלט, ווי עס וויל יעצט אויך ניט. דארום האלט איך טאקי ניט דעם ציוניזם פאר א פאלקס־ בעוועגונג. די אמת'ע טיעפקייט פון דעם אידישען גייסט איז געגען אן אבגעזונדערטע טעריטאריעלע פאטערלאנד.

דאס אידישע פאלק וויל ניט דאס אלטע שפיעלכעל פון א מלוכה און האט זיך איינמאל פאר אלע מאל אבגעזאגט דערפון.

איך קען ניט אהן התפעלות דערמאהנען די שעהנע זאגע וועגען א אידישען חכם אין די צייטען פון חורבן ירושלים. ער האט געטהאן א גרויסע טובה וועספאסיאנוס'ען, און דיזער האט דערפאר פארגע־לעגט דעם חכם צו בעטען וואס ער וויל נאר, וועט דאס ערפילט ווע־רען. דא איז, דאכט זיך, געווען א פאסענדער פאל צו בעטען, אז מען זאל אראבנעהמען די בעלאגערונג און געבען צוריק דעם לאנד די פריהערדיגע פרייהייט. אבער דער חכם האט געזאגט:

— ערלויב מיר מיט מיינע תלמידים אוועקצוגעהן אין דער שטאדט יבנה און גריגדען דארט א ישיבה צו לערנען תורה.

ווילד און משונה איז דיזער ענטפער אויסגעקומען דעם רוימער, וועלכער איז פערווילדעט געווארען אין די אויביגע מלחמות און בלוט־פערגיסונגען.

אבער דאס איז געווען א בעוואוסטזיניגער, ערהאבענער און שטאלצער ענטפער פון דעם גאנצען אידישען פאלק.

דער חכם האט ריכטיג פערשטאנען דעם פערבארגענעם סוד פון דעם פאלקס גייסט, און זיין פאדערונג איז געווען קליין בלויז פון ערשטען בליק. דיזע קלייניגקייט איז פונקט ווי דער זענפט־קערענדיל, וועלכער איז קלענער פון אלע, אבער גיט א זאנג גרעסער, ווי דער זאנג פון וועלכע ניט איז אנדערע זוימען.

דיזער פריוויליגער גורל פון דעם חכם, דער אויסטויש פון גשמיות אויף רוחניות, איז דער ערהאבענסטער מאמענט אין דער געשיכטע פון יודענטהום, א מאמענט, וועלכער איז נאך לעת עתה ניט גענוג אבגעשאצט און, עס קען זיין, אז נאך ניט גענוג אויסגענוצט געווארען פון׳ם פאלק גופא.

און דאס פאלק פיהלט דאס, און מיט אלע כחות שטעלט עס זיך דאגעגען, ניט ווילענדיג זיך ארייןלאזען אין דער אלטער אוואנטורע, וועלכע איז פרעמד זיין גייסט.

ניט דאס לאנד, נאר ד ע ר ב ו ך איז געווארען זיין פאטערלאנד, און דאס איז דאס גרויסארטיגע בילד, איינער פון די הערליכסטע שוישפיעלען אין דער געשיכטע, דער בעסטער בערוף, וואס א מענש קען זיך נאר ווינשען.

פערטיעפט אין דיזען בוך, — האט דאס אידישע פאלק ניט בעמערקט, ווי איבער זיין קאפ זיינען פאראיבער יאהרהונדערטע, עס זיינען אוועקגעקומען און פערשוואונדען געווארען פון דער ערד פעלקער, עס זיינען ענטדעקט געווארען נייע לענדער און דאמף האט זיך צורוישט אויף דער ערד און דער שווארצער שטיקענדער רויך פון די פאבריק־קוימענס האט פערשטעלט דעם הימעל פאר די מענשען, וואס דרעהען זיך ארום בלינד אין א געדיכטען נעץ פון דראטען, דורך וועלכע די שטומע, נור גרויזאמע עלעקטרישע קראפט טראגט פאנאנדער נאכריכטען איינע פון דער אנדערער שוידערהאפטער, איינע פון דער אנדערער בלוטיגער און אונזיניגער, וואס די וועלט האט נאך קיינמאל ניט געהערט.

דיזער גערויש, וועלכער טראגט זיך אין אבגרונד פון קולטור מיט דער שנעלקייט און קראפט פון א וואסערפאל, וועלכע צורייצט

נאָר די געמיינע פערלאַנגען פון קליינליכע בעקוועמליכקייטען, האָט ניט אָנגעריהרט די אויערען פון דעם גרויסען וואַנדרער, וועלכער איז פערנומען מיט'ן לייענען דעם גרויסען בוך. און נאָר דער ביי־סענדער שוים פון דעם שפּריצענדען וואַסערפאַל סטאַרעט זיך צו פערשפּריצען די הייליגע בלעטער און בעדעקען זיי מיט ראַסטיגע פלעקען פון חוזק און אונגלויבען.

און די פיהרער פון ציוניזם שטיצען נאָך די ארבייט פון דעם שוים, איגנאָרירענדיג מיט גאוה די רעליגיעזע פראַגע און אַנדייטענ־דיג בלויז אויף עמיגראַציע און פּאָליטיק, פּאָליטיק און עמיגראַציע.

— לאָמיר זיך פריהער צוזאַמענקלייבען פון אלע געגענדען — זאָגען זיי — און דאַן וועלען מיר אויסאַרבייטען אויך אַ רעליגיע.

דאָס איז אַזוי אוננאַטירליך און ניט פערנונפטיג, ווי ניט פאָלקס־טהימליך, און גראַדע בנוגע צו אידען. עס דערמאָהנט זיך מיר די גרויסאַרטיגע פרשה פון דברים וואו נאָך די דונערענדע ווערטער ווע־גען די קללות און ברכות, זאָגט דער יונגער גייסט פון דעם אויפקו־מענדעם פאָלק ווערטער פול מיט הערצליכען געפיהל און טיעפער בעדייטונג: „ווען עס וועלען קומען אויף דיר דיזע ווערטער — די ברכות און די קללות — און דו וועסט זיי זיך נעהמען צום הארצען צווישען די אלע פעלקער, צווישען וועלכע גאָט וועט דיך פערשפּריי־טען, און דו וועסט זיך ווענדען צו גאָט, דיין הארר, און וועסט צוהע־רען זיין שטימע, דו און דיינע זיהן, פון דיין גאַנצען הארצען און דיין גאַנצער נשמה, — וועט גאָט, דיין הארר, צוריקקעהרען דיינע געפאַנ־גענע און וועט אויף דיר רחמנות האָבען און וועט דיך צונויפזאַמלען פון אלע פעלקער, צווישען וועלכע גאָט וועט דיך פערשפּרייטען, און וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד, וועלכע עס האָבען בעזעסען דיינע עלטערען, א. אז. וו.“

אָט דאָס איז די האָפנונג פון דעם פאָלק.

פריהער ווענדען זיך צו גאָט, און גאָט וועט שוין זיין זאַך אליין טהאָן און וועט געבען דעם פאָלק אַ פּלאַץ און וועט צו איהם וואָל־טהעטיג זיין מעהר ווי צו זיינע עלטערען.

די פיהרער פון ציוניזם קלערען אָבער אַנדערש.

זיי האָבען זיך אַזוי ווי געביטען מיט גאָט אין די ראָלעס. זיי

ווילען צונויפזאמלען די אידען פון אלע פעלקער אין דעם לאנד פון די אבות, און דארט וועט שוין גאט זארגען, אז דאס פאלק זאל ווערען זיין הארץ צו איהם.

און גאט זאגט אזוי:

— אדרבה, פרואווט, טהוט אויף מיין ארבייט.

און ער קעהרט זיך אב פון זיי.

און אט ענטשטעהען קינדערשע קאלאניאל־בענק, חוזק׳דיגע קאנגרעסען מיט קליינע און גרויסע קאמיטעס, וועלכע זיינען פון קיינעם ניט בעאויפטראגט, פיהרען אונטערהאנדלונגען, וועלכע זיינען קיינעם ניט נויטיג, וועגען שפיעלכלאך, ווי א טשארטער און חסדים פון סולטאן. דאס פאלק זעהט די לעבערליכקייט פון דיזע אונטערנעהמונגען און קעהרט זיך אויך אב פון דיזער בעוועגונג. ניט גאט׳ס א זאך איז דאס, צופיעל איז דערין מענשליכעס, אויסגעקלעהרטעס, מעדיקאלישעס.

אט ווארום, ווי איך הער, צווישען די רבנים קלינגען זאגאר קללות אויף׳ן ציוניזם, וועלכען זיי פערארורטהיילען אלס א לעהרע, וואס איז פרעמד דעם פאלק און איז פערבונדען מיט א געפאהר פאר איהם. און, ווירקליך, ניט קוקענדיג דערויף, וואס דאס זאגען ארטאדאקסען, וועלכע פערנעהמען אין גייסטיגע פראגען, געוועהנליך א פינסטערע שטעלונג, שטעהען זיי דא אויף א פעסטען באדען, און זייער אונוויל־לען צום ציוניזם איז פאלקאם גערעכטפערטיגט.

די געוועהנליכע מיינונג, אז דער ציוניזם העלפט כלומר׳שט ערהויבען דעם נאציאנאלען זעלבסטבעוואוסטזיין (אזוי ליעבען איצט די אנהענגער פון דיזער לעהרע זיך אויסצודריקען), ווייזט זיך אין דער ווירקליכקייט ארויס פאר ניט ריכטיג. אמת־נאציאנאלע איז דעריין גאר ניטא. אינטערעסירענדיג זיך מיט דיזער פראגע, וועלכע די פרעסע קלאפט אויף, ווי פרויען אז עי־ווייסעל אין א הויכע און גרויסע שוים, האב איך איבערגעקוקט איינינע ציוניסטישע אויסגאבען מיט דער אלטער עמבלעמע פון א מגן־דוד. אין איינעם פון דיזע ביכלאך האב איך געטראפען א מיידעלע מיט א ליעבליכען, רונדען געזיכט און מיט ווייכע הענדלאך צונויפגעלעגט אויף דער ברוסט.

די אויגעלאך קוקען ארויף מיט אן אויסדרוק פון תפלה און שמועסען מיט גאט אין די הימלען.

אונטער דיזען בילד האט מען דרייסט געקענט אונטערשרייבען „פאטער נאסטער", „פאטער אונזער", „אטשע נאש" און בכלל וועלכע ניט איז אייראפעאישע איבערזעצונג פון דער בעריהמטער תפלה פון קריסטוס'ן, ווייל דער פנים פון דער מיידעל איז אן אויסגעפיטערטער, א רונדער, מיט אלע סמנים פון דער אריער ראסע, וועלכע בעוואהנט אייראפא, און וויניגער פון אלעם עהנליך צו א אידיש קינד. און פונדעסטוועגען איז אונטער דיזען בילדעל אונטערגעשריבען „מה טבו". ד. ה. די ערשטע ווערטער פון דער אידישער פריה־מארגענדיגער תפלה. אין דיזער קליינער פאלשקייט דריקט זיך בולט אויס די גאנצע אנגעלעגנהייט פון דער נאציאנאלער בעפארבונג. אין וועלכער עס פוצט זיך אויס דער ציוניזם. ער גופא איז א לייבליכעם קינד פון דעם מאדערנעם אייראפעאיזם, זיין אויסגעצערטעלטעס קינד, וואס טהוט נאך דאס שפיעלען פון די גרויסע, וועלכע שאפען קארטען־שטיבלאך פון מלוכות, און אויף זיין קאפ איז א באנד מיט אן אויפשריפט פון אידישע אותיות.

ניין, ניט קיין טיעפער ים פון פאלקסטהימליכקייט איז דאס, ניט פון קיין הויכע פראבע איז דיזער נאציאנאליזם!

אבער נאך וועניגער איז אין דיזער בעוועגונג, וועלכע איז נאכגעמאכט נאך'ן אייראפעאישען שטייגער, פארטגעשריטענער גייסט. ניטא דערין קיין פראגרעסיווער כאראקטער, וועגען וועלכען עס ווערט אזוי פיעל גערעדט אויף די קאנגרעסען.

און דאס איבערראשט מעהר פון אלעם.

אויב די פיהרער פון ציוניזם, וועלכע זיינען בכלל מענשען עמפפינדליכע און קלוגע, נאר וויית פון זייער פאלק, האבען ניט געקענט בעשאפען א געזונדע פאלקס־בעוועגונג, קען מען זיי דעריין ניט בעשולדיגען. זיי האבען געוואלט עפעס אויפטהאן, אבער זיי זיינען ניט געוועזען ביכולת. נאר ווען די זעלבע מענשען, ביי זייער גאנצער עמפפינדליכקייט, צו אלעם פארטגעשריטענעם און בעסטעס אין אייראפא, האבען ניט בעגריפען מיט וואס עס ווערט ווירקליך בעוועגט דאס העכערע לעבען פון אייראפא און מיט וואס עס איז אזוי שטארק

דער אייראָפּעאישער גערשטאנק, — דאָס קען מען זיי שוין אויף קיין פאל ניט מוחל זיין.

אננעהמענדיג, אז די מאַכט פון אייראָפּא איז אין איהר שטאאט־ ליכקייט, ד. ה. אין דער הארמאטען־קראפט מיט די אלע שרעקען פון מיליטאריזם, האבען זיי זיך בעקלעהרט אויך אויסצופוצען זייער זקן אין די כלי־זין פון א קריעגער. עס האט זיך זיי פערוואלט בעשאפען א יודען־שטאאט. אבער די בעסטע עלעמענטען פון אייראָפּא און אמעריקא, אלעס וואס דענקט אויפריכטיג און ערענטליך, איז יעצט ביז'ן טיעפסטען הארצען אויפגעבראכט געגען דעם אונזין און שוי־ דערהאפטיגקייט פון דיזען תהום, אין וועלכען די פערווילדעטע מענשהייט, וואס רופט זיך ציוויליזירטע, לויפט מיט אזא אימפעט.

אלעס ליכטיגעס, פערנונפטיגעס און ניט פערשקלאפטעס אויס מורא אדער פאר געלד, בעמיהט זיך מיט אלע כחות צו ברענגען די מענשען צום שכל און צו דערמאהנען זיי, אז די מענשהייט איז שטארק ניט מיט'ן כח פון הארמאטען שטאאטליכקייט און אז די צו־ קונפט פון דער מענשהייט בעשטעהט ניט אין דער ליידענשאפט אב־ צוזונדערען זיך אין קלייזלאך. דער אמת'ער פראגרעס, דער אמת'ער פארטשריט זעהט דאס גליק פון דער מענשהייט פונקט אין דעם היפך — אין דער ברייטער איינינגונג און אין אבשאפונג פון די הער־ מאטען און פון אזעלכע גרופּירונגען, וועלכע האלטען זיך יעצט נור מיט דער קראפט פון דיזע קאנאנען און פערניכטען דערמיט דאס לעבען פון מענשען. די טהעטיגקייט פון דעם פערנונפטיגען טהייל פון דער מענשהייט איז געווענדעט אבצושאפען דיזע שטאאטליכע אבגעזונדערטקייט, און זיי, די ציוניסטען, ווילען די אלטע שמאטעס אויפלעבען און רופען נאך אַ דיזע שטרעבונג מיט'ן נאמען פראגרעס.

דאס איז א גרויסער פערברעכען, דאס איז דאך גלייך ווי מחלל זיין דאס הייליגסטע, וואס עס איז פאראן אין אונזער איצטיגען לע־ בען. ניט נייע מלוכות דארפען מיר, נאר ליעבענדע מענשען, וועל־ כע זעהען אין זייער ליעבע דעם בערוף פון לעבען און דיענסט צו גאט.

עס איז א זינד צו שמיעדען יעצט נייע שווערדען און פערשפּריי־ טען צווישען מענשען פאלשקייט און שנאה. און צו זאגען, אז דיזע

בלוט־רויטע שמיעדען זיינע מענשען, וואס דיענען דעם פראגרעס, איז א דאפּעלטע זינד.

מען קען נאך פערצייהען די מענשען, וואס לעבענדיג איז דער אלטער ארדנונג, זיינען זיי צו־שוואך ארויסצוארפען פון זיך דעם שווערען יאך פון בעוואפענטען צוזאמענלעבען; עס קען זיך נאך האמפּערן און וואקלען א מענש, וועלכער איז צוגעוואקסען מיט זיין קראנקען ארט צו די צוגעוואהנטע, הגם שלעכטע און שרעקליכע ארדנונגען פון לעבען, ווי מענשען ווערען צוגעוואהנט צו פערשיע־דענע וואונדען און שווערע און פארצויגענע קראנקהייטען. אבער אומישנע, אויף דאס־ניי, בעוואוסטזיניג, מיט התפעלות אנהויבען אויפריכטען דעם אלטען פחד און אנטהאן אויף א גאנצען פאלק, אונטער דעם נאמען פון בעפרייאונג, אן ענגען, דריקענדען, שמערצ־פאלען כאמעט פון א בעזונדערען שטאאט,—דאס איז שוידערהאפט, דערפער איז גאר קיין נאמען ניטא! דאס איז א חורבן פאר די בעס־טע האפנונגען, דאס הייסט מאכען צו שאנדע און צו שפּאט די בעסטע הייליגקייטען פון פאלק.

וואס האט זיי ענטציקט, וואס איז זיי אזוי געפעלען געווארען אין דיזער נאציאנאליסטישער, אבער אין דער ווירקליכקייט האר־מאטען־זעלנערישער, בעוועגונג צווישען די אייראפּעאישע פעלקער־לאך, וועלכע די אנפיהרער פון ציוניזם בעמיהען זיך, הפנים, מיט אלע כחות נאכצואהמען? די כלומר'שטע פרייהייט פון סערביען, וואו א ווארט פונ'ם עסטרייכישען געזאנדטען האט מעהר בעדייד־טונג, איידער די דעקרעטען פון קעניג, און וואו די גאנצע פרייהייט בעשטעהט בלויז איז די שטענדיגע הריגות און אינטריגעס צווישען די פארטייען וואס עס געהט סוף כל סוף אוים צו דער בויערן־בעפעלקערונג, ווייל זי ווערט רואינירט דורך די גרויסע אבצאהלונ־גען אויף אויסצוהאלטען א מורא'דיגע כאפּטע טשינאווניקעס און מיליטער — אט דאס געפעהלט זיי? אדער אפשר די פרייהייט פון בולגאריען, וועלכע ווערט צוריסען דורך די צאנקערייען פאר צייט־ווייליגע מלכים'לאך, און ניט היינט־מארגען וועט זי ארייננפאלען ווערען אין מויל? אדער רומעניען, מאצעדאניען, מאנטאנעגרא, קרעטא, גריכענלאנד, — וואס געפעהלט דאס דעם ציוניזם? איך

רער שוין ניט וועגען איטאליען, פראנקרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד און נאך נעהנטערע צו אונז געגענדען. וואו עס דערגעהט ביז'ן הימעל די יללה פון פאלק, וואס ווערט פערווילדעט און פעראֶרעמט דורך די אונגעהויערע הוצאות אויף'ן מיליטאריזם. פיהלענדיג דעם אנ־קומענדען דלות, האבען זיך דיזע פעלקער ארויפגעווארפען אויף די ווייטע לענדער פון פריעדליכע „אונקולטורעלע" מענשען און שטרע־בען רויבעריש צו פערכאפען ביי זיי, וואס נאר מעגליך, און פער־שקלאפען זיי געוויסענלאז, ווי מיר זעהען עס אין אינדיען, אפריקא, כינא...

נאר וואס איז דא צו רעדען!.. ווער עס האט נאר אפענע אוי־גען און א ניט פערבלענדעטען שכל, יענער זעהט קלאר די דעגענע־רירונג, וועלכע הערשט דער מענשהייט און די פערגליווערונג פון איהר גייסטיגען לעבען, אויב דער בלוט־דורשטיגער שטן פון אן אב־געזונדערטע ממשלה וועט ניט פעריאגט ווערען דורך דער קראפט פון דער פערנונפטיגער ארבייט פון אויפריכטיגע און אמת'ע מענשען. קיינמאל איז נאך די מענשהייט ניט געווען אזוי נאהענט צו אזא אויסראטונג און פאלשטענדיגער פערניכטונג, ווי איצט און קיינמאל איז זי ניט געווען אזוי ניעדערגעשלאגען, א דאנק דעם בעוואוסט־זיין וועגען דער נוצלאזיגקייט און צוועקלאזיגקייט פון די קאלאסאלע אויסגאבען אויף א קאלאסאלען אונזין.

און דערצו זאל מען העלפען?! איז דיזער ריכטונג זאל מען ווענדען די ארבייט פון מענשען און איינרעדען זיי צו שטעלען איין אונזין אויף'ן צווייטען?!..

וואו זיינען די אויגען פון די ציוניסטען? וואו זיינען זייערע געוויסען?

יענעם געזונדע קערנדעל פון דער עמיגראציאנס־בעוועגונג, וואס שטרעבט צו מאכען שיטערער די צונויפגעפרעסטע אידישע בעפעלקערונג און אומקעהרען זיי צו דער לאנג־פערגעסענער ערד־ארבייט, דיזע בלא ספק ריינע און שעהנע בעוועגונג, וועלכע די ציו־ניסטען גיבען אן פאר זייערע, געהערט גאר ניט דעם ציוניזם. די שטרעבונג צו קאלאניזאציע איז געווען פריהער אויך. — דער ציוניזם האט נאר חוצפה'דיג אויסגענוצט זי און צו־

געגעבען איהר א פרעמדע און ניט נויטיגע פאליטישע בע־פארבונג, און דערמיט נאך שווערער געמאכט דאס אומקעהרען זיך צו דער ערד־ארבייט פאר אידען. מען האט פאנאנדערגעבלאזען דעם שאטען פון א מלוכה און דאס האט נאר אומזיסט פערפלאנטערט דעם איינפאכען און קלאהרען פערלאנג פון מענשען אוועקצוגעהן פון די שטעדט און נעהמען זיך פאר די איינציגע פאסענדע, געזונדע, עהרליכע, געטליכע ארבייט — די ערד־ארבייט. און דיזער שאטען האט אבגעשלאגען ביי די איראפעאישע פעלקער די לוסט מיטצוהעלפען די עמיגראציאנס־בעוועגונג און אויך ביי די אידען זעלבסט צו בעטהייליגען זיך אין איהר. די אוואנטורע איז א צו־ריזיקאלישע און צו־שרעקליך איז די צוקונפט.

אידישע לעגענדעס.

דאָס פערגאָסענע בלוט.

אין די ערשטע יאהרען פון אונזער בעקאנטשאפט (דאס איז שוין מעהר אלס 20 יאָהר צוריק) האט לעוו ניקאָלאיעוויטש זעהר ליעב געקריגען אידישע ליטעראטור און האט מיט חשק געלעזען אלעס, וואס כ'האט געהאט א שיכות צו ביבעל און תלמוד. ער איז געווען בעזונדערס ענטציקט פון דער בעצויבערענדער וועלט פון אלטע לעגענדעס, וועלכע זיינען פול מיט העלע, שטראלענדע בע־גייסטערונג.

— אין זיי איז פאראן עפּעס — האט ער געזאגט — אונגעוועהנ־ליך־צארטעס און ריהרענד־ערהאבענעס, ווי א מארגענשטערן פון א שטילען פריהמארגען. און טהייערער פון אלעס איז אין זיי די אויס־געהאלטענקייט פון דער אויביגער טהעמא וועגען די אייביגע סודות פון דעם מענשענ'ס נשמה. און ווי נאהענט דא איז דאס קריסטענ־טהום, — ווי דער הימעל פון דער ערד, אויף'ן האריזאנט — אט־אט דאכט זיך מיט דער האנד צו דערלאנגען!

און לעזענדיג די לעגענדעס אין פערשיעדענע איבערזעצטע זאמ־לונגען, האט ל. נ. בעארבייט די זאגען אין קריסטליכען גייסט און, איך געדענק, ער פלעגט רעדען מיט מיר וועגען די העלע בילדער פון אלטערטהום, בעלויכטעט מיט דער מילדער ליכט פון דער נייער לעה־רע, צו וועלכער ל. נ. האט זיך איבערגעגעבען מיט דער גאנצער זעע־לע אין מיט וועלכער ער קען אזוי מייסטערהאפט אנשטעקען אויך א צווייטענ'ס נשמה.

דיזע פערגעסענע לעגענדעס זיינען ווי א שטילער בלאָער ים פון פאעזיע מיט איינזאמע ברעגעס, פון וועלכע עס איז שוין לאנג פערשוואונדען דער אקעאן, נאר וועלכע האבען ערטערווייז נאך פארבעהאלטען שמאלע סטיינגעס פון דורכגוסען, בעוואקסענע מיט קומטעס פון פערגעסענהייט. אט, צום ביישפיעל, איז איינע פון אזעלכע לעגענדעס, די לעגענדע וועגען דאס פערגאסענע בלוט.

ווען דער קייזער נבוכדנצר האט איינגענומען ירושלים און איז אריינגעגאנגען אין בית המקדש, האט מען איהם אריינגעפיהרט אין עזרת כהנים.

דער קייזער איז מיט שרעק אבגעשפרונגען צוריק און איז געבליבען שטעהן ביים אריינגאנג. אויף דער ערד האט, ווי קאכעדיגע וואסער אין קעסעל, געזאדען האט בלוט, אויפהויבענדיג זיך אין א ראזענעם שוים.

דער דאמפף האט נבוכדנצר'ן פאר'שכור'ט, און אזוי ווי א צורגעשמיעדטער איז ער געבליבען שטעהן אויף'ן ארט.

— דאס איז דאס בלוט פון די קרבנות־אקסען, שעפסען און באראנעס — האבען פערשעהמטערהייד געזאגט די כהנים.

דער קייזער האט געהייסען אנשעפען א קרוג בלוט פון גרויסען מזבח און האט פערגליכען.

דאס בלוט איז ניט עהנליך געווען צו דעם, וואס האט געזאדען אויף דער ערד. נבוכדנצר האט אויפגעפלאמט פון צארן און האט א געשריי געטהאן:

— וועט איהר מיר זאגען, וואס דאס איז פאר א בלוט, אדער איך וועל פון אייך רייסען די הויט מיט אייזערנע קאמען און אייערע טויטע קערפערס וועל איךווארפען פאר די רויב־פויגלען אויפצופרעסען!

די כהנים האבען זיך דערשראקען.

— זיי גנעדיג, קייזער! מיר וועלען דיר אויסזאגען דעם גאנצען אמת. געלעבט האט צווישען אונז דער נביא זכריה און געווען איז ער א מענש א צדיק. מיט א קול, ווי דער גערויש פון די ים כוואלעס, האט ער גערופען מענשען לעבודת הבורא און, ווי מיט דונערען האט ער געשטורעמט אונזערע מעשים רעים, פאראוויכזא-

גענדיג שרפות, מגפות און שקלאפעריי. דאס אלעס איז יעצט מקוים געווארען. אבער אויפגעהויבען האט זיך געגען איהם דער צארן פון פאלק און מען האט איהם ערמארדעט. דערשטאכען האט מען איהם דא, אין בית המקדש, נעבען מזבח, אין דער צייט ווען ער האט גע־האלטען אין פרעדיגען. און פון יענער צייט אן זידט דאס בלוט פון אונזער חבר און שרייט צום הימעל נאך נקמה און קלאגט אן די רוצחים פאר'ן כסא הכבוד.

—אה, אויב אזוי — האט דער קייזער אויסגעשריען — וועל איך איינשטילען, אויסקויפען און בערוהיגען עס.

און ער האט געהייסען אויסשעכטען אלע כהנים אויף'ן זידענדען בלוט פון דעם נביא.

נאר דאס בלוט האט אלץ געזאדען און האט זיך ניט בערוהיגט.

ווערענדיג אין כעס, האט דער קייזער געהייסען אויסשעכטען אויף יענעם ארט אויך א סך תלמידים פון די בתי מדרשים און קליי־נע קינדער.

אבער דאס בלוט האט אלץ געזאדען און האט זיך ניט בערוהיגט.

ער האט דאן צוזאמענגעקליבען טויזענדע שעהנע בחורים און מיידלאך, זיי אלע אויסגעשאכטען אויף איין שטיין און צומישט זיי־ער בלוט מיט'ן בלוט פון נביא.

דאס בלוט האט זיך דערפון אויך ניט בערוהיגט.

— זכריה, זכריה! — האט אויסגעשריען דער טיראן, איז דיר נאך אלץ ווייניג? ווילכטו איך זאל פערניכטען גאנץ יהודה?

דאס בלוט האט אלץ געזאדען.

— וועה מיר, וועה מיר! האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ דער קייזער — אויב פאר דאס בלוט פון איין מענשען מוזען אזוי פיעל ליידען, דאן וואס ערווארט שוין מיך, וואס האט פערגאסען דאס בלוט פון צעהנדליגע און הונדערטע טויזענדע מענשען?

און טרערען האבען זיך א גאס געטהאן פון זיינע אויגען ווי א שטראם. ער האט געוויינט און געשלאגען זיך אין הארצען.

און ווי נאר די ערשטע טרער איז אראבגערונען אויף דער ערד און זיך צומישט מיט'ן בלוט פון דעם נביא, האט דאס בלוט זיך בע־רוהיגט און אויפגעהערט צו זידען.

אין די פאָגראָמען טעג.

דאָס איז געווען אין 1885־טען יאָהר, ווען עס זיינען נאָך פריש געווען אין זכרון די שרעקען פון די איבערגעלעבטע פאָגראָמען. און אָט איינמאָל האָט לעוו ניקאָלאיעוויטש, לעזענדיג א זאַמלונג פון אַלטע אידישע לעגענדעס, מיט וועלכע ער איז דאַן געווען זעהר פער־אינטערעסירט, מיר אָנגעוויזען אויף איינע פון זיי.

— וואָס פאַר אַ איידעלע זאַך דאָס איז און ווי רייך אין געפיה־לען!.. „דאָס געוויין פון די אבות" רופט זי זיך; ווי גוט זי פאַסט פאַר די היינטיגע פאָגראָמען־טעג. איך וואָלט זי אַזוי איבערדער־צעהלט.

זיינע טיעפע אויגען זיינען לעבהאַפט געוואָרען מיט דעם פייער פון בעגייסטערונג, און דאָס קוקענדיג אין בוך, דאָס אַבריסענדיג זיך פון איהם, האָט ער אָנגעפאַנגען:

— און עס איז געווען... אין די נייע, שווארצע טעג פון בלו־טיגע שרעקען איז דער קרעכץ פון פאָלק דערגאַנגען צום כסא הכבוד און האָט אָבגעהילכט אין הימעל מיט א יאָמער־געוויין:

— ירמיהו, ירמיהו!.. געה זאָג אַז די אבות וועגען די צרות פון פאָלק, רוף זיי ארויס פון די קברים, זאָלען זיי אויפהויבען א גע־וויין און א קלאָג, ווארום זיי קענען וויינען און מתפלל זיין.

און געהאָרכזאם צו דעם קול, זיפצענדיג, בלאָנדזשעט דער פער־טרויערטער נביא אויף די פערואומערטע ברעגען פון ירדן און רופט מיט א הויכען קול:

אָה, משה, אָה, זוהן פון עמרם! שטעה אויף פון דיין קבר און גיב א קוק אויף דיינע שאָף. אין די ווייטע סטעפּעס פון דער גרוי־סער מדינה זיינען זיי ווידער אין שקלאפעריי, ווי זיי זיינען געווען

אין דיינע טעג. מיט אז ענגען רינג פון ערנידערונגען האט מען זיי פערשטיקט, און יעדער טרעט אויף זיי מיט זיינע שווערע פיס, מיי־נענדיג, אז ער טהוט דערמיט אזוינס, וואס עס איז ניחא דעם באַ־שעפער. מתנות בעזויפענע און פערווילדעטע בעפאלען די הייזער פון דיינע קינדער, ראבירען און מארדען אלעמען, און פרויען און מעכטער שענדען זיי... און א שוידער האט אנגעכאפט דיין פאלק און אויסצואווייגען די אויגען איז געווארען זיין גורל. אה, משה, משה!

א געשריי פון אימה און טרויער רייסט זיך ארויס פון משה׳ס ברוסט און ער איילט אנזאגען די שרעקליכע בשורה די אבות.

און, פערזאמלענדיג זיך, זעצען זיי זיך אויף די חורבות פון בית המקדש און וויינען און קלאגען, און דער הימעל בעדעקט זיך מיט טרויער.

מיט טרערען אין די אויגען, די קליידער צוריסען, מיט אש אויף׳ן קאפ, ערשיינט אברהם פאר גאט און בעט:

— גרויכער גאט! פאר וואס האסטו אנגעגרייט פאר מיינע קינדער אזוי פיעל שאנד און יסורים?

און צוזאמען מיט אברהם׳ען קלאגען און טרויערען די מלאכים.

נור דער הימעל שוויגט און דער פאראייביגער ריכטער ענט־פערט ניט.

— אפשר — קלאגט ווייטער אברהם — אפשר האבען מיינע קינדער געזינדיגט, האבען עובר געווען דעם הייליגען געבאט? דאן זאל די תורה גופא געגען זיי עדות זאגען!..

און לייכטענדיג מיט א הימעלשען שיין האט זיך בעוויזען די שטראהלענדע תורה.

— טאכטער מיינע! — האט אויסגעשריען אברהם. — דערמאן זיך: ווען אלע שטאמען פון דער ערד האבען דיר אבגעשטויסען פון זיך, ביזטו אנגענומען געווארען בלויז פון מיינע קינדער. קענסטו דען יעצט, אין די טעג פון זייער יאמער און טרויער, עדות זאגען געגען זיי?

געשוויגען האט די תורה.

— זאָלען ארויסטרעטען די בעזונדערע אותיות פון דער תורה, זאָלען זיי עדות זאָגען געגען מיינע קינדער!..

אבער געשוויגען האָבען אויך די אותיות פון דער תורה.

— רבונו של עולם! — האָט דאן מתפלל געווען אברהם. — דער־מאָן זיך אן מיין טרייהייט צו דיר און האָב רחמנות אויף מיינע קינדער. אויף דיין רוף האָב איך פערלאָזען דאָס הויז פון מיין פאָ־טער. געבלאָנדזשעט און געוואַנדערט איבער די ווילדע מדבריות און וויסטע בערג, כדי מיינע קינדער זאָלען האָבען א דאך און א שטיקעל מנוחה... און דו האָסט מיר מבטיח געווען. דו האָסט מיר געזאָגט... טאַ דערמאָן זיך, גאָט, און בעוויז דיינע חסדים.

פערטרויערט און בייז איז געווען דער פנים פון דעם אלמעכטי־גען.

דאן איז געקומען יצחק:

— אויף דעם בעפעהל פון מיין פאָטער, גרויסער גאָט, און לויט דיין רצון האָב איך אויסגעצויגען מיין האלז אונטער'ן מעסער אויף'ן בארג און יעצט בעט איך דיר, נעהם אראָב די מעסערס פון די העל־זער פון מיינע קינדער. פון יסורים בעפריי זיי.

פערטרויערט און בייז איז געווען דער פנים פון'ם אלמעכטיגען.

יעקב האָט געקלאָגט:

— גרויזאמע יסורים האָב איך דורכגעליטען דעם גאנצען לע־בען און מיין ברודער עשו האָט מיך געיאָגט און פערפאָלגט. נאָר איך האָב דאָס אלעס מקבל באהבה געווען פאַר דער טובה פון מיינע קינדער, אז זיי זאָל קיינער ניט יאָגען און פערפאָלגען. איך האָב זיי אבגעהיט, ווי א פויגעל איהרע עופה'לאך, און מיין גאנצע ליעבע און צערטליכקייט האָב איך זיי אבגעגעבען. און איצט מאטערען זיך מיינע קינדער אין א ווייטען לאנד, און מענשען מיט גרויזאמע הער־צער שיטען אויף זייערע קעפ יסורים און בהלות... שפרעך אויס דיין וואָרט, רבונו של עולם, און ווענד אָב די יסורים פון זיי.

משה האָט תפילה געטהאָן:

— רבש"ע! לויט דיין רצון בין איך פיערציג יאָהר געווען דער פאָטער און דער פיטערער פון דיזען פאָלק. פיערציג יאָהר האָב איך, ווי א פערד, געבלאָנדזשעט אין דער מדבר, און אויף דעם שוועל פון

דעם פערשפראכענעז לאנד, געהארכזאם צו דיין קול, האב איך פער־לאזעז דעם אירדישעז לעבעז, אבער איך האב געגלויבט און געהאפט, אז דעם פאלק וועט זיין גוט, אז הצלחה און גליק וועט זיין דער גורל פון זיין לעבעז... און איצט... איצט איז ער צושפרייט, צורא־בירט, חרוב געווארעז. און די רוצחים טהיילעז מיט א געלעכטער זייער רויב... ביז וואנעז זשע, גאט ?!..

און א ציטער האט געטהאז די שטילקייט פון דער אייביגקייט, און אויפגעשיינט האט די גרויסע ליכטיגקייט אין הימעל. און פון די שטראהלעז האט אויפגעדונערט די אלמעכטיגע שטימע:

— די ישועה איז נאהענט!..

די ענטציקונג מיט'ן טויט.

ווען עס זיינען בעוואוסט געווארען די שוידערליכע איינצעלהייטען פון דער טראגעדיע, וועלכע האט פאסירט אין די טערנאווער אייזען־שמעלצערייען, וואו דורך די „ארבייט" פון דעם סעקטאנט פיאדאר קאוואלעוו זיינען לעבעדיגערהייד בעגראבען געווארען אין א סקלעפ אי מענער, אי פרויען, האט לעוו ניקאלאיעוויטש, אויסער זיך פון אויפרעגונג, געזאגט:

— דאס איז שרעקליך, אבער עס איז שווער אבצורייסען זיך פון דעם צושמיעדענדען געדאנק... עפעס בעפרידיגענדעס איז פאראן דערין, עפעס איז אין דעם א מין ערלייזענדע ענטצוקונג מיט'ן טויט. ווי שידערליך פינסטער עס איז ניט דיזער שרעק, שפירט מען דאך אזא שטילקייט, אזא רוהיגקייט פון איהם. און, א מערקווירדיגע זאך, אלע זיינען ערשטוינט, אלע האלטען עס פאר עטוואס אונערהערטעס און דענקען, אז אזוינס איז נאך קיינמאל ניט געווען. אבער נעהמט דאס אלטערטהום, נעהמט די לעגענדע וועגען דעם טויט פון אהרן'ען און זעהן, ווי אלעס ווידערהאלט זיך.

דער טויט פון אהרן'ען איז, לויט דיזער לעגענדע, אויך געווען עהנליך צום טויט פון די טערנאווער מארטירער.

אט איז דיזע לעגענדע.

משה האט בעקומען א בעפעהל פון גאט אנצוזאגען זיין ברודער אהרן, אז עס קומט אן זיין לעצטע שטונדע. די גאנצע נאכט האט ער פארבראכט אהן שלאף, און נאר ווי עס האט אנגעהויבען גרויען אויף טאג, איז ער אויפגעשטאנען און אין גרוים אויפרעגונג איז ער אוועק צו אהרן'ען.

דער ברודער האט זיך געוואונדערט אויף זיין פריהען בעזוך.

— איך האב נאכגעדענקט — האט געזאגט משה — איבער די שווערע שטעלען פון דער הייליגער תורה און אט בין איך געקומען צו דיר, אז מיר זאלען דאסביידע בעקלעהרען.

די ברידער האבען געעפענט די הייליגע ספר תורה און גענומען לייענען צוזאמען פון אנהויב אן.

אויף יעדען פלאץ האבען זיי איבערגעריסען דאס לעזען און אויסגעשריען: „דאס איז גרויס, דאס איז הייליג, דאס איז גערעכטיג!“

ווען זיי זיינען געקומען צו דעם ארט, וואו עס רעדט זיך וועגען אדם'ס חטא און דער שטראף, וואס איז אויף איהם געקומען, האט משה א זיפץ געטהאן און געזאגט:

— אה, אדם, פאר וואס האסטו געבראכט טויט אויף דער וועלט!

האט איהם אהרן איבערגעשלאגען:

— צו וואס טרויערען, ברודער מיינער? פיהרט דען ניט דער טויט צו אייביגען תענוג און צו אונערצעהלבארע פרייד פון גן עדן?

דאן האט משה איהם פלוצלונג א פרעג געטהאן:

— ווי רעכענסטו, — וויפיעל איז דיר נאך געבליבען צו לעבען?

— איך רעכען, א יאהר צוואנציג? האט אהרן געענטפערט. שטוינענדיג, צו וואס ער פרעגט איהם פלוצלונג אזא פראגע.

— אה פיעל וויינינער, האט משה געענטפערט אומעטיג.

— אפשר פינפצעהן — האט נאכגעגעבען אהרן.

— וויינינער דערפון, מיין ברודער!

— אויב אזוי, אפשר בלויז צעהן!

— אה, נאך וויינינער!

— פינף?

— וויינינער.

אהרן האט אנגעהויבען טרעפען די שרעקליכע געהיימנים און זיין נשמה איז בעאונרוהיגט געווארען.

ליעבער ברודער, — האט געזאגט משה — אויב גאט וואלט דיר מודיע זיין, אז דו וועסט שטארבען איז הונדערט יאהר ארום, וואס וואלסטו געזאגט?

— איך וואלט זאגען, אז גאט איז גערעכט.

— און אויב ער וואלט דיר לאזען וויסען, אז דו דארפסט שטאר־בען שוין גלייך?..

און משה האט ארונטערגעלאזען זיינע אויגען.

— וואלט איך זאגען — האט אהרן געענטפערט אונטערטעניג־ליך, — אז דער אייביגער איז גערעכט און ווינשט מיר דאס, וואס פאר מיר איז בעסער.

— דאן קום מיט מיר, ברודער!

און משה האט אוועקגעפיהרט אהרן'ען אונטער'ן האנד.

זיי זיינען ארויף אויף א הויכען בארג און אויף'ן שפיץ האבען זיי דערזעהן א טיעפע הערל.

אין דער מערה איז געשטאנען א ארון.

אהרן האט זיך אריינגעלעגט אין ארון און האט אנגעהויבען זיך גרייט מאכען צום טויט.

— וועה איז מיר! האט אויסגעשריען משה, קוים איינהאלטענ־דיג זיך פון וויינען, — ביי דעם טויט פון אונזער שוועסטער זיינען מיר ביידע געווען, ביי דיין טויט בין איך דא, ווער זשע וועט זיין ביי מיין טויט?

און א קול האט זיך דערהערט פון הימעל: דער אייביגער!..

משה האט א קוש געטהאן דעם שטארבענדען אין שטערן און האט אנגעהויבען איהם אויסטהאן.

און אויף וויפיעל אהרן'ס קערפער איז געווארען נאקעט, האט זיי אלץ מעהר ארומגענומען און איינגעהילט א וואונדערליכער הי־מעלשער וואלקען.

עס איז געווארען א טיעפע שטילקייט און אהרן איז אריינ־געפאלען אין א זיסען שלאף.

משה איז שטיל ארויס פון דער מערה און האט פערשפארט דעם אריינגאנג מיט א שטיין.

— וואס פיהלסטו ברודער? — האט משה געפרעגט צומאכענ־דיג אלע עפענונגען פון אריינגאנג.

— איך שפיר, ווי א לייכטער וואלקען הילט מיך ארום.

משה האט ווייטער געמויערט און אז ער האט געענדיגט האט ער ווידער געפרעגט:

וואס פיהלסטו איצט אהרן ?

— איך שפיר, אז דער וואלקען פילט מיר אן מיט הימעלשען תענוג.

— און יעצט ? — האט משה אבווארטענדיג אביסעל געפרעגט.

א קוים הערבארע שטימע האט זיך קוים דערטראגען :

— אזוי גוט ! . .

און משה האט געזעהן דעם ברודער'ס נשמה אויפהויבענדיג זיך צום הימעל.

— גליקליכער ! — האט ער אויסגעשריען. — אה, ווען מיין טויט וואלט אויך געווען אזא ! . .

אַ לעגענדע וועגען אַברהם׳ען.

איינמאָל פאַר ראָזשדעסטווא, ווען עס האָט זיך פאַרפיהרט אַ געשפּרעך וועגען דעם אַנקומענדען אַלגעמיין געאַכטעטען יו״ט, האָט ל. נ. געזאָגט:

— איך קען ניט בעהערשען אין זיך דעם אַמאָליגען אַלטען קינדערשען געפיהל און אימער זוך איך, איך וויים ניט ווארום, אין דיזען אַבענד העלעם ליכט אויף׳ן הימעל. וואונדערבאַר, ווי די זאַגע וועגען העלעם ליכט איז פערשפּרייט אויך צווישען אַנדערע פעלקער, וועלכע בעציערען די געבורטען פון זייערע גייסטיגע פיהרער און ליכטטרעגער מיט פּאָעטישע בעשרייבונגען פון דער גענאַנטער נאַכט.

איך האָב, צ. ב., ניט לאַנג געלעזען אין אַן אַלטער זאַמלונג אַ זאַגע וועגען דאָס געבורט פון אַברהם. דינע, איידעלע שטריכען און מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט עהנליכע צו פיעלעס בעקאַנטעכ. איך וויים ניט, עס קען זיין דיעזע זאַגע איז ענטנומען און בעשאַפען געוואָרען שפּעטער, נאָר איהר עהנליכקייט איז אין מאַנכע איינצעלהייטען אַן ערשטוינענדע.

אָט דאָס איז זי.

אין דעם הויז פון׳ם אַלטען גאָטספורכטיגען תרח איז געווען אַ גרויסע פייערליכקייט. צו די עלטערע יאָהרען האָט זיין פרוי איהם געבוירען אַ זוהן, און ער האָט זיך געפרעהט און מכבד געווען זיינע פריינד און בעקאַנטע. עס זיינען אויף דער פייערליכקייט אויך געווען וואָהרזאָגער און געלערנטע פון יענעם לאַנד. ווען זיי האָבען זיך שפּעט ביי נאַכט אומגעקעהרט אהיים איבער די שטילע שטאָדטישע גאַסען, זיינען זיי פּלוצלונג געבליבען פערוואונדערט דורך אַן אויסערגעוועהנליכען אַנבליק אויף׳ן הימעל. זיי האָבען דערזעהן אויף דער מזרח זייט אויפגעהענדיג אַן אונבעוואוסטען ביז דאַן גרוי־

סען שטערען, וועלכער האט מיט זיין גלאנץ פערשיינט דעם גאנצען אויסגעשטערענטען הימעל. דער שטערען האט זיך אויפגעהויבען הויך און איז שנעל ארומגעלאפען דעם הימעל, פערשלינגענדיג אויף'ן וועג פיעלע הימעלשע קערפערס. די וואהרזאגער און די געלערענטע זיינען געפאלען צו דער ערד און, ערשטוינט פון דעם וואס זיי האבען געזעהן, זיינען זיי געבליבען שטעהן פערטראכטערהייד אויף'ן ארט אזוי ווי צוגעשמידטע.

זיי האבען נאך געהאלטען אין דענקען און שמועסען וועגען דער זאנדערבארער ערשיינונג, ווי צו זיי זיינען געקומען צולויפען שליחים פון דעם קייזער נמרוד און זיי גערופען מיטצוגעהן זאפארט:

— געהט, דער קייזער האט בעפעהלען אייך צו ברענגען. א שרעק האט ארומגעכאפט זיין נשמה.

די וואהרזאגער זיינען געקומען, און דער ערשראקענער נמרוד האט זיך צו זיי געווענדעט:

— הערט. איך האב געזעהן א שרעקליכען חלום. איך בין געגאנגען איבער'ן פעלד, און נאך מיר מיין חיל. פלוצלונג זעה איך אנטקעגען מיר בעוויזט זיך א ריעזן און טהוט א גאס מיר אין פנים א הויפען וואסער. ווען דאס וואסער איז אראב אויף די ערד, איז עס פערוואנדעלט געווארען אין א גרויסען טייך, און אין איהם איז פערטרונקען געווארען מיין גאנצער חיל. איך בין ענטלאפען בלויז מיט צוויי לייבוועכטער, און איך האב געזעהן ווי זייערע געזיכטער און זייערע קליידער האבען זיך כסדר געענדערט. אזוי זיינען מיר לאנג געלאפען, פאר־בעהאלטענדיג זיך פון די שטורמדיגע וואסערען פון דעם פאנאנדערגעגראבענעם טייך. נאכדעם זעה איך, דער שטראם פון טייך איז אבגעהאלטען געווארען, און איבער'ן וואסער האט אנגעהויבען ארומפליהען א גרויסער פויגעל. דער פויגעל האט א מאך געטהאן מיט די פליגלען, האט זיך געזעצט מיר אויף'ן קאפ און האט אנגעהויבען פיקען די אויגען און דעם מארך... איך פערשווער אייך, ערקלעהרט מיר וואס דאס בעדייטעט.

ערשט דאן האבען די וואהרזאגער פערשטאנען די בעדייטונג דערפון, וואס זיי האבען געזעהן. זיי האבען געזאגט:

— מיר האבען אויך געזעהן אַ מורא'דיגע ערשיינונג. טאַ הער זשע, קייזער! אין דיעזער נאכט איז ביי תרח'ן געבוירען געוואָרען א זוהן. און דיעזעס קינד וועט מיט דאס ליכט פון זיין לעהרע פערשיינען די אַלע געצענדינערשע געטער, און, ווי א טייך, וועט ער פערטרינקען די מאכט פון דיין גרויסקייט און מיט דעם וואָרט פון אויפדעקען וועט עס דיר פּיקען דעם מארך און די אויגען.

און דער קיסר האט אויסגערופען:

— טאַ לערנט מיך, וואס זאָל איך טהון.

— הרג'ע דאס קינד, — האבען די וואהרזאגער קורץ געענטפערט. נאר כדי דאס פאָלק זאָל ניט ווערען אויפגערעגט, לעג פאַר תרח'ן אויסקויף געלד און דאס קינד גיב איבער צו אונז.

נמרוד האט אוועקגעשיקט זיינע דיענער צו תרח'ן און געהייסען איהם רופען צו זיך.

דער קיסר האט צו איהם געזאגט:

— מען האט מיר פאראויסגעזאגט, אז דיין ניי - געבארענער זוהן וועט בעהערשען די פעלקער פון דער ערד און וועט אונטערדריקען מיינע אונטערטהאנען. נעהם גאָלד און זילבער וויפיעל דו ווילסט אליין און גיב איהם מיר אוועק.

תרח האט זיך נידריג פערנייגט און געפרעגט:

— זאָל מיין מעכטיגער הערשער אויסהערען, וואס איך וועל זאגען. נעכטען איז צו מיר געקומען דיין דיענער און האט מיך געבעטען פערקויפען איהם מיין פערד, אַט יענעם שהנעם, גוטען פערד, וועלכען דו האסט מיר געשענקט. דיין דיענער האט מיר פארגעלעגט פאר'ן פערד א פולען שייער מיט תבואה און טייערע גראזען. איך ווידער האב איהם געענטפערט, אז איך וועל פרעגען דיך, קייזער, אויב איך דארף עס טהון?

נמרוד האט ביין אַ קוק געטהון אויף תרח'ן.

— דו נארר, צו וואס נוצט דיר די תבואה און די טייערע גראזען, אז דו וועסט ניט האבען קיין פערד.

און תרח האט ארומגענומען נמרוד'ס קניע.

— אן אמת, א גרויסען אמת האבען דיינע ליפּען ארויסגעזאגט.

צו וואס נוצט מיר דאס גאלד מיט דעם זילבער, אז איך וועל ניט האבען קיין יורש?

און נמרוד'ס הארץ האט א ציטער געטהון און ער האט אבגע־לאזען תרח'ן.

תרח האט גענומען זיין זוהן און איז נאך די זעלבע נאכט אוועקגעלאפען, ער און זיין ווייב, און א לאנגע צייט האבען זיי זיך בעהאלטען מיט זייער קינד אין א העהל.

די לעגענדע וועגען סדום.

ל. נ. האט אמאל געזאגט:

— ווי שרעקליך עס זאלען ניט זיין די גרויזאמקייטען פון סדום און עמורה, וועגען וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין דער ביבעל, דאך האט די נייגונג פון מענשען צו מעשיות דערפילט דאס בילד פון יענע זייטען נאך מיט נייע שטריכען. און, ווייסט איהר, אין דיעזע מעשיות געפעלט מיר דאס, וואס די מענשען פון סדום און עמורה ווערען בעמאהלען אין אזא געשטאלט, דאס זייערע ווילדהייטען און גרויזאמקייטען בעטראכטען זיי פאר וואהלטהאט און גליק. און אין דיעזער פינסטערער בעוואוסטזיניגקייט איז, לויט מיין מיינונג, די גאנצע עהנליכקייט פון די איינוואהנער פון סדום מיט די מענשען פון אונזער צייט. אויך איצט איז דער זעלבער סדום און די זעלבע עמורה, און איך גלויב, אז זיי ערווארטעט דער זעלבער סוף. הערט, ווי אזוי איינע פון דיעזע מעשיות בעשרייבט די זייטען פון סדום און עמורה.

ארעמע און וואנדערער, וועלכע זיינען צופעליגערווייזע אנגעקומען אין דיעזע שטעדט, זיינען געווען פער'משפט צו שטארבען פאר הונגער פאר אלעמענס אויגען. עס האט געהערשט א געזעץ, אז מען טאר ניט העלפען קיין ארעמאן און קיין מיטלייד האבען מיט קיין וואנדערער. אין פיער טהיילען פון דער שטאדט זיינען געווען פעראנשטאלטעט הייזער פאר נאכטלעגער, נור וועה איז געווען דעם וואנדערער, וועלכער איז אריינגעפאלען אין איינעם פון דיעזע פלעצער. איהם האט ערווארטעט א זיכערער טויט פון א מארטירער. מען פלעגט פון איהם ציהען די אדערען, ברעכען די ביינער און ער פלעגט אין שרעקליכע ליידען ארויסהויכען זיין לעצטען אטהעם. און אט צווישען דיעזע גרויזאמע מענשען האט געוואהנט אין דער שטאדט סדום א גוטהערציג מיידעל תרצה. זי האט בעגעגענט הינטער דער שטאדט אין וואלד א קראנקען זקן, וועלכער האט זיך קוים געהאלטען אויף זיינע פיס.

— וואוהין געהסטו? האט איהם תרצה געפרעגט. ווייסטו דען ניט אז דיזער וועג פיהרט נאך סדום און וואס דיך ערוואַרטעט דאָרט?

— סדום!! — האט דער אלטער אויסגעשריען און האט זיך א כאפ געטהון פאר'ן קאפ. — וואס זשע זאל איך טהון? איך האב דא לאנג ארומגעבלאָנדזשעט און האב א גאנצע נאכט פער־בראכט אין דעם געדיכטען וואלד און איצט בין איך מיעד און הונ־געריג. איך פיהל, אז מיין סוף איז נאהענט.

— גוטער אלטער! האט תרצה אנגעהויבען וויינען, — דו ווייסט דאך, ס'ארא לייטע עס זיינען פאראן אין אונזער געגענד זייערע זינדיגע מעשים קלאגען צום הימעל וועגען נקמה.

און זוכענדיג אין איהר טאש, האט זי פון דארט ארויסגענומען א שטיקעל ברויט און האט דאס געשווינד איבערגעגעבען דעם אלטען:

— נא, עס דאס אויף גיכער! זאל דאס קיינער ניט בעמערקען, ווייל עס קען אן אומגליק פאסירען.

ווען דער אלטער האט נור וואס גענומען דאס ברויט פון איהרע הענר און זי האט זיך געשווינד אוועקגעקעהרט און גע־וואלט אוועקגעהן, האט זיך פלוצלינג בעוויזען א שטאדט־שפיאן און האט זי א כאפ געטהון פאר דער האנד און צוזאמען מיט דעם אומגליקליכען אלטען האט ער זיי אריינגעשלעפט אין שטאדט אריין און האט זיי צוגעשטעלט צום ריכטער פון סדום.

דער ריכטער איז אנגעפאלען אויף תרצה'ן:

— דו האסט דאס געוואגט איבערצוטרעטען די געזעצע פונ'ם לאנד! דו האסט געגעבען עסען א וואנדערער! שנעלער זאג אויס און זיי דיך מודה, ווי אזוי און ווען דאס האט פאסירט?

תרצה האט דרייסט געענטפערט:

— מיין הערר! איך בין יונג און האב לייכט געקענט איבערטרא־גען מיין הונגער, און ער איז א זקן, האב איך רחמנות געהאט.

— וואס הייסט רחמנות און וואס איז אזעלכעס ערבארעמונג!

— האט דער ריכטער גענומען קלאפען מיט די פיס. דאס איז בלויז א שוואכקייט, א פוסטע עמפפינדליכקייט און דו וועסט דער־פאר א שטראף בעקומען. ווער ביסטו?

תרצה האט געענטפערט:

— מייז פאטער האט גערינעט אלכ פאסטוך ביי דעם גאטעס־פירכטיגעז אברהם'ז. פוז איהם האט ער זיך אויסגעלערנט צו זיין גוט און מיטליידענד און האט מיך אויך דאס זעלבע געלערנט.

— דערפאר וועסטו דאבעל בעשטראפט ווערעז, דו פערברעכע־ריז. און ווער ביסטו? האט ער זיך געווענדעט צום אלטעז.

— איך בין פלג. איך בין אלט 120 יאהר און מיינע אויגעז זיינעז כמעט ווי בלינד, איך קעז מעהר ניט ארבייטעז, האב איך מיך געוואלט צושלאגעז צו דעם גאסט־פריינדליכעז אברהם'ז. זיין הויז איז אפעז פיר אלע און דארט האב איך גערדיינקט צו פער־ברייגעז דאס רעסט פוז מיינע טעג.

דער ריכטער איז ווילד געווארעז פאר כעס:

— שווייג שטיל, ווער פרעגט דיך וועגעז גאכט־פריינדליכ־קייט פוז אנדערע, דו האסט איבערטראטעז אונזער געזעץ און דו וועסט בעשטראפט ווערעז דורך דער האנד פונ'ם תליז!

דאמאלס איז תרצה געפאלעז אויף די קניע:

— ערבארעם דיך, הערר, איבער דיעזעז אלטעז, נעהם צו מייז לעבעז. איך בין שולדיג, איך אליין האב איהם דאס ברויט געגע־בעז, זאל דארום מייז בלוט פערגאסעז ווערעז.

אויך דער אלטער איז אויף די קניע געפאלעז:

— ניין, מיך זאלט איהר פייניגעז, מיך דער'הרג'עט, אויב אייערע געזעצע דורשטעז נאך מענשליכעז בלוט, נור שוינט דיעזעס יונגעס לעבעז.

דער ריכטער איז פערבליעבעז טויב. ער האט אויסגעשפרא־כעז זייז אורטהייל, און די בעדיענטע האבעז צוגעטראטעז צו דער בעשטראפונג. דעם אלטעז האט מעז פערגראבעז לעבעדיגערהייט איז דער ערד, און תרצה'ן האט מעז אויכגעטהוז נאקעט, מעז האט זי צוגעבונדעז צו א סלופ, אויסגעשמירט איהר לייב מיט האניג און מעז האט אויף איהר ארויכגעלאזט א גאנצעז בינשטאק מיט בינעז.

עס זיינעז פארבייגעגאנגעז מענשעז, זיי האבעז געזעהז די מאטערנים פוז דער אונגליקליכער, וועלכע די ביענעז האבעז גע־שטאכעז מיט זייערע גיפטעז, און לאכענדיג האבעז זיי פארטגע־זעצט זייער וועג.

די לעגענדע וועגען קיסר אדריאנוס.

ווען ל. נ. האט אין יאהר 1885 געהאלטען אין ארויסגעבען אלץ נייע און נייע פערלען פון פאלקס־ליטעראטור און האט זיך ארומגעטראגען מיט פלאנען וועגען גראנדיעזע רעפארמען אויף דיעזען געביעט, פלעגט ער אפט מיט בעגייסטערונג רעדען וועגען די גרויסע אויפגאבען פון דיזען אונגעהייערען עניז און מיט גרויס ליעבשאפט פלעגט ער זיך אבשטעלען אויף די מאראלע פראגען, וואס זיינען ביי איהם געווען אזוי טהייער און וועלכע ער האט בדעה געהאט צו בעריהרען אין זיינע קינפטיגע פאלקסטהימליכע ווערקע. איך געדענק, ער האט א מאל געזאגט:

— איך האב שוין לאנג געדענקט צו נעהמען אלע זיעבען טויט־זינד און אנצושרייבען צו יעדער פון זיי, אלס אן אילוסטראציע, א וועלכע ס'ניט איז ערצעהלונג אדער לעגענדע און אן דער שפיצע וואלט איך גענומען די גאוה. אין דער פיראמידע פון די זיעבען טויט־זינד ליעגט די גאוה אויף'ן סאמע שפיץ. איך ווייס ניט קיין מעהר פערפיהרערישע זינד, — און אם בעסטען וואלט געווען די אלטע אידישע לעגענדע וועגען שטאלצען קיסר אדריאנוס.

אט איז זי.

ווען דאס הארץ פון דיעזען קיסר, וועלכער איז בעטרונקען געווארען פון די נצחונות, האט זיך אנגעזעטיגט מיט רוהם און מיט חניפה פון די ניעדעריגע שמייכלער, וואס האבען ארומגערינגעלט זיין טהראן, האט זיין נשמה געוואונשען א נייעס.

ער האט געזאגט:

— אנערקענט מיך פאר א גאט!

די הויפסלייט האבען געענטפערט:

קיסר, דו בעזיצט נאך ניט קיין טעמפעל און זיין שטאדט איז נאך ניט אין דיינע הענד.

דאמאלסט האט אדריאנוס צונויפגעזאמעלט אונגעהייערע מחנות חיל און פיהרט דאס אויף שיפען אוועק אין היילינען לאנד; ער מאכט חרוב די שטאדט און דאס בית המקדש און דאס קליינע רעסט פון דעם געפאנגענעם פאלק פיהרט ער אוועק אין קנעכט־שאפט.

— אט, — זאגט דער קיסר צו זיינע מקורבים, — איך האב געפאלגט אייער עצה און אלעס איז איצט אין מיינע הענד. אנער־קענט זשע מיך פיר א גאט.

און פאר שמחה האט ער בעפוילען צו מאכען לכבוד דעם אלטען גאט א סעודה.

— נור וואו וועלען מיר דאס מאכען? — האט ער געפרעגט ביי זיינע חכמים.

— מיר וועלען דאס מאכען ביים ברעג פונ'ם ים! — האבען די חכמים ביטרע געראטהען. זיין סוויטע איז גרויס און פיר אזא מענגע מוז מען האבען א גרויסען פלאץ.

דער קיסר האט ארויסגעגעבען א בעפעהל.

און גאנצע זיעבען חדשים האבען געארבייט טויזענדער קנעכט, בויענדיג און צוגרייטענדיג אלעס, וואס איז נויטיג פיר אזא סעודה, וואס איז נאך ניעמאלס געווען אויף דער ערד.

און עס זיינען אנגעבראכט געווארען עסענווארג און געטרענ־קע פון אלע עקען פון דער וועלט און עס האט זיך צוזאמענגע־קליבען א גרויסע צאהל מענשען. און ווען אלעס איז געווען פארטיג, און די טישען זיינען געווען איבערגעשטעלט, און הייסע מאכלים האבען זיך גערויכערט מיט דאמפף אויף די לאנגע טישען, האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען א ווינד, עס האט גענומען בושעווען א שטורעם, און עס האבען זיך אנגעיאגט הויכע כוואליעס און מיט א בייזען שטוים האבען זיי אלעס פערשלונגען, וואס איז געווען אויפ'ן ברעג. אי די משקאות, אי די מאכלים, אי די בלומען — אלעס האט דאס וואסער אוועקגעטראגען.

— וואס זשע הייסט דאס ? — איז דער קיסר אנגעפאלען אויף זיינע יועצים. — דאס איז אייער עצה !

— קיסר ! קיסר ! האט ארויסגעטראטען פאר איהם אן אל־טער חכם. — די ווינטען און די כוואליעס זיינען בלויז גאט׳ס משרתים, און זיי האבען זיך גענומען זייערס. איצט דארפסטו מאכען א סעודה פאר זיינע מחנות. וועג איבער דיינע כחות.

— קיסר ! קיסר ! — האט ארויסגעטראטען א צווייטער חכם.

— דו געפינסט זיך אין גאט׳ס פאלאץ. דאס גאנצע ענדלאזע הימעל־געוועלב — איז זיינס. פערלאז צוערשט דיעזען פאלאץ און דאמאלס וועלען מיר דיך אנערקענען פאר א גאט.

א דריטער האט געזאגט :

— אט קעמפפט א שיף, וועלכע איך האב ארויסגעשיקט מיט מיין גאנצען פערמעגען, מיט די כוואליעס אין ים און קען ניט אריינ־געהן אין האפען. העלף, קיסר !

אדריאנוס האט זיך דערפרייעט און האט געוואלט ארויסצויי־גען זיין קראפט :

— שיפען, לעגיאנען זאל מען ארויסשיקען און מען זאל רע־טען די שיף ! — האט ער א געשריי געטהון און האט בעפוילען זיינע עלטסטע דאס מקיים צו זיין.

— צו וואס ? — האט איהם אבגעשטעלט דער חכם. — צו וואס אזעלכע גרויסע זארג ? שיק בעסער, קיסר, א ביסעל גינסטיגען ווינד. דאס וועט זיכערער העלפען דער צרה.

אדריאנוס האט אראבגעלאזען די אויגען.

— דו ווייסט דאך, אז דאס איז ניט אין מיין מאכט...

— קיסר ! קיסר ! ווי אזוי ווילסטו, אז מיר זאלען דיך אנער־קענען פאר א גאט ?!

און אז אומעט האט אנגעפילט דאס הארץ פון אדריאנוס און א בעקימערטער איז ער אוועק אין זיין צימער.

זיין פרוי האט צו איהם צו־געטראטען :

— זאג, אין דעם וואס בעשטעהט דיין קומער ?

און ווען זי האט זיך דערוואוסט, האט זי א פליאסק געגעבען מיט די הענד :

— ווי הייסט! דיעזע עזות'דיגע מענשען ווילען דיך ניט אנערקענען פאר א גאט. דו ביסט אזוי שטארק און מעכטיג און די גאנצע וועלט פון דער ערד איז אין דיינע הענד. טהו נור איין זאך, וואס איך וועל דיך בעטען און דאן וועל איך די ערשטע דיך אנערקענען פאר א גאט.

— וואס זשע? — האט געפרעגט אדריאנוס.

— קעהר אום צוריק זיין משכן, וואס ער האט דיר געגעבען.

— ווענען וואס פאר א משכן רעדסטו? האט דער קיסר מיט ערשטוינונג געפרעגט.

זיין פרוי איז צו איהם צוגעפאלען און האט איהם אומגעארעמט:

— די נשמה! — האט זי צערטליך געזאגט.

— די נשמה?! און וואס בין איך אהן איהר? — איז ער אבגעשפרונגען.

— אזוי גאר! דו קענסט דיך ניט בעגעהן אהן א נשמה? דו האסט ניט קיין מאכט איבער דיין לעבען? דו קענסט ניט אב־שטויסען פון זיך דעם טויט און דערלענגערען דיין לעבען אפילו אויף קיין שטונדע, און דו ווילסט זיין א גאט?.. בעדיינק דיך!..

און דער שטאלצער קיסר האט איינגעשטילט זיין גייסט און האט זיך פערטיעפט צו דערקענען דעם אמת.

דעם מענשענ׳ס לעבען.

(א לעגענדע פון ל. נ. טאָלסטאָי)

מיר זיינען געגאַנגען דורך א וואלד אין פעלד אריין ארונטער־צונעהמען דאס היי. דאס גרינע פעלד האָט זיך געצויגען ווי א ברייטער סאַמעטענער טעפּיך אויף דעם קרומען ברעג פון דעם שטילען טייכעל וואָראָנקאַ.

אויפ׳ן ברעג פון דיזע טייכעל האָט אין די אַמאָליגע צייטען ארומגעוואנדערט דער געריהמטער קודעיאר, וועגען וועלכען עס לעבען נאָך ביז איצט אין דער גאנצער סביבה מורא׳דיגע לעגענדען.

ל. נ. האָט זיך עראינערט וועגען איהם און האָט געזאָגט:

— אָט, הערט זיך איין צו אַלע דיזע ערצעהלונגען אין דעם מאָמענט, ווען מען דערצעהלט זיי, און איהר וועט אומעטום בעמערקען יענע בעזונדערע, ווייכע בעציהונג פון דער פאָלקס־נשמה צו די גרויזאמקייטען פון א בייזען האַרץ, וועלכע איז צוגענגליך בלויז פאר מענשען, וואס קענען זעהן די טיעפקייט פון זאכען. דיעזע גרויזאמקייטען זיינען ניטאַ, זיי ווערען צוגאַנגען און ווערען צוזאמענגעדרעהט, ווי עס דרעהט זיך ארויף און ווייט אוועק, ווערענדיג אנטרונען, א פערשפרייטער נעבעל, ווען די ערשטע זונען־שטראַהלען בעגיסען דאָס טהאָל.

אין דער וועלט אנשויאונג פונ׳ם פאָלק עקזיסטירט גאר ניט קיין שלעכטס. דאריבער איז די זאנפטמוטה און דאס ניט וועלען געהן שטרייטען מיט דעם בייז, ווייל דאָס בייז איז בלויז א נאכט געשפּענסט, א געשפּענסט פון פינסטערניס. אַך, אַך, מיין יונגער פריינד, ווען דו מאכסט דורך א לאַנג לעבען און זעהסט זיך אָן מיט די שטורעמס און שטרייטונגען און דו דערמאהנסט דיזען

לאנגען קאראוואן פון פאסירונגען מיט זייער אויפהויבען זיך און אראבלאזען זיך, מיט זייערע זיעגע און ניעדערלאגע און מיט דיע־זען שרעקליכען, ניט אויפהערענדיגען טומעל פון מענשליכען דורשטיגען בעגעהר, — ווען דו דערמאהנסט דאס אלעס, דאמאלס דיינקסטו, — גאט, מיט וואס'ארא אמת אטהעמט דיעזער פערנינפ־טיגער, טיעפער בליק פון דעם פיעל איבערגעלעבטען זקן — פאלק. עס ווייסט פעסט, אז דער מענש איז פון גוטען און ניט פון בייזען און דארף דארום אליין אויך בלויז גוטעס טהון.

א וואונדערליכע ערצעהלונג ווייס איך וועגען דיעזער אנגעלע־גענהייט. דוכט זיך, איך האב אייך שוין אמאל געזאגט וועגען דעם, נור איצט דיינק איך מיך אריין אלץ טיעפער און טיעפער, וואס פאר א צויבער־מאכט דיעזע זאך ענטהאלט אין זיך.

אט איז די אלטע אידישע ערצעהלונג:

און גאט האט פערטראכט א נייע ברואה.

א וואונדערבארע פעראייניגונג פונ'ם הימעל מיט דער ערד.

— בעשאף איהם ניט! — האט ברוגז בעמערקט דער מלאך פון אמת, — ער וועט מיט שקר מטמא זיין דיין וואהנונג; ער וועט ערהויבען אויף דער ערד דעם בעטרוג און פערפיהרונג וועט הערשען איבעראל.

— בעשאף איהם ניט! — האט געבעטען דער מלאך פון גערעכ־טיגקייט. — דאס וועט זיין א גרויזאמע ברואה, וואס וועט אלע בעליידיגען און וועט ליעב האבען בלויז זיך אליין. ער וועט זיין טויב צו די ליידען פון אנדערע און די וועה־געשרייען פון אנדערע וועלען ניט דערגרייכען צו זיין הארצען.

— מיט בלוט וועט ער אנטרינקען די ערד! האט צוגעזעצט דער מלאך פון שלום, — און רציחה וועט זיין בעשעפטיגונג זיין.

פערדונקעלט איז געווארען דער שטערן פונ'ם אלמעכטיגען.

די וואונדערבארע פעראייניגונג פונ'ם הימעל מיט דער ערד האט אויסגעזעהן ביים הערשער אלס אן אונווירדיגע.

און אין זיין פעראייביגען ווילען האט זיך געפערטיגט א בע־שלוס:

— ניט זיין!..

נור אַט איז ערשיענען פאר'ן טהראָן פון דעם לעבענס־גיבער זיין יונגסטעס און געליעבטעסט קינד — די בארמהערציגקייט.

עס האָט ארומגענומען די קניע פונ'ם פאָטער.

— בעשאַף איהם, — האָט עס געבעטען. — ווען אַלע דיינע משרתים וועלען איהם פערלאָזען, וועל איך איהם אויפזוכען, איך וועל איהם העלפען און זיינע פעהלער זעלבסט וועל איך אנוועג־דען צו גוטען. איך וועל איהם בעשיצען, כדי ער זאָל זיך ניט אוועקקעהרען פונ'ם וועג פון שלום, פון די געזעצע פון גערעכטיג־קייט און פון די געבאָט פון אמת. איך וועל דערנעהנטערען זיין נשמה צו רחמנות און וועל איהם אויסלערנען צו זיין בארמהער־ציג צום שוואכערען.

עס האָט אנגעהויבען צו שיינען דער שטערן פונ'ם אַלמעכ־טיגען און מיט גוטסקייט האָט געלויכטען זיין פנים.

די וואונדערבארע פעראייניגונג פון הימעל און ערד איז ער־שיענען און האָט אנגענומען ז י י ן פאָרם און ז י י ן עהנליכ־קייט.

— לעב! — האָט אויף איהם א הויך געטהאָן דער אַלמעכטיגער,

— און ווייס, אז דו ביסט א זוהן פון בארמהערציגקייט.

אזוי איז בעשאַפען געוואָרען דער מענש.

אַט דאָס איז דער שטאנדפונקט פון דער פאָלקסטהימליכער נשמה. און דארום איז דיעזע נשמה אזוי נאָהענט צום וואנגע־ליום, צו דער פערקינדיגונג פון בערמהערציגקייט און גוטסקייט.

אדער דיעזער משל.

א קיסר'ס א טאָכטער איז פער'קנס'ט געוואָרען פאר א רייי־כען פרינץ. דער חתן שפּארט ניט קיינע מיטלען, אום צופריעדען צו שטעלען די כלה און איהר צו פערשאפען אַלערליי פערגניעגען.

ער בויעט פון איהרט וועגען מארמארנע פּאלאצען מיט גאָלדענע שניצעריי, ער מאַכט לכבוד איהר רייכע בעלער, בעשענקט זי מיט מתנות, מיט גאָלד, פּערעל און מיט קאָסטבארע שטיינער...

נור די כלה איז קאַלט און איהר הארץ איז ניט געניינט צו די בעלער און צו די מתנות. ווארום?

זי איז א טאָכטער פון א קיסר.

אזוי איז אויך מיט דער נשמה. די ערד גיט איהר אלע אוצרות פון איהר פערמעגען און מיט אלע קערפערליכע פערגניגענס בע־ציערט זי איהר וועג.

נור זי איז קאלט און נייגט ניט דאס הארץ צו די איבערגע־הענדע תענוגים. ווארום?

זי איז די טאכטער פון גאט.

אויך דא איז די ערהויבונג פון דער נשמה און די בעצויבערונג מיט דער שעהנהייט פון גוטס.

נור ניט ווילענדיג ענשטעהט א פראגע:

— ווארום זשע פיהלען מיר אין זיך שלעכטע בעגעהרע? ווא־רום בעאונרוהיגען זיי אונז, ווארום שלעפען זיי אונז אין אבגרונד פון שרעק, אין פינסטערנים פון זינד? וואו איז דער סוד פון דעם?

הערט, ווי אזוי די חכמה פון די אלטע פערענטפערט דאס.

ביי א פריץ איז געווען א גארטען מיט טהייערע פרוכטען.

און ער האט אנגעשטעלט אלס שומרים ביים טויער פון גאר־טען פון דער רעכטער זייט א בלינדען און פון דער לינקער — א קרומען. — „זיי וועלען אנדערע ניט אריינלאזען און וועלען אליין ניט אויפעסען“, — האט געטראכט דער פריץ. און א בערוהיגטער איז ער אריין אין זיינע צימער.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט פון האלבער נאכט און עס האבען אנגעהויבען צו פינקלען די שטערען אין הימעל און עס איז ארויסגעשוואומען די לבנה, — האט די שעהנקייט פון די פרוכ־טען נאך שטארקער זיך געווארפען אין די אויגען.

זאגט דער קרומער צום בלינדען:

— ווי שעהן זיינען די פרוכטען אין גארטען!

— ברייננ — וועלען מיר עסען, — האט א מורמעל געטהון דער בלינדער.

— איך קען דען? — האט דער קרומער מיט א זיפץ געענט־פערט. — אט, דו לאז מיך אנידערזעצען צו דיר אויף די אקסלען און טראג מיך צו צום בוים. וועל איך אברייסען און וועל דיר אויך געבען.

און דער בלינדער האט געפאלגט, ער האט געטהון, ווי דער

קרומער האט געזאגט; און זיי האבען געריסען און געגעסען פון די פרוכטען.

אין דער פריה קומט צו געהן דער פריץ.

די שומרים זיינען אויף זייערע פלעצער, איינער אין דער רעכטער זייט און איינער אין דער לינקער זייט פון׳ם טויער, די פרוכטען אבער זיינען אבגעריסען.

— זייט זיך מודה, — האט א געשריי געטהאן אויף זיי דער פריץ. — איהר האט אריינגעלאזט א גנב.

— מיר שווערען, קיין גנב איז ניט געווען! — האבען אין איין שטימע געענטפערט די שומרים.

— אויב אזוי, האט אימעצער פון אייך דאס געטהון. זייט זיך מודה!..

— דער פריץ זעהט מיין מאכטלאזיגקייט, — איך קען אפילו קיין צוויי שריט ניט טהון אויף א גלייכען וועג.

— דער פריץ זעהט מיין פינסטערנים, — האט דער בלינדער אנגעצייגט אויף זיינע איינגעפאלענע אויגען. איך ווייס קיין וועג ניט.

דער פריץ אבער האט ארויפגעזעצט דעם קרומען אויף דעם בלינדענס אקסלען, האט זיי צוגעפיהרט צום בוים און זאגט:

— אט ווי איהר האט געטהון!

און ער האט זיי אריינגעווארפען אין פינסטערנים.

אזוי אויך איז דער מענש. עס ליעגט דער טויטער גוף, א ריינער, אן אונטערטהעניגער און אלעס שיינט מיט רוהע און מיט שטילקייט.

— האב איך דען געקענט זינדיגען? — זאגט ער. — איך בין בלינד און זעה ניט קיינע פערפיהרערישע זאכען, אויך דעם וועג צו זיי קען איך ניט זעהן.

און איך קען דען זינדיגען? — זאגט די נשמה. — פון דער זעלבע שטונדע, זייט איך בין ארויס פון דעם גוף, שוועב איך, ווי א ריינער פויגעל אין דער לופט. און ווי א ריינער פויגעל האב איך אויך פריהער געשוועבט, איידער איך בין אריין אין גוף.

— אט, ווי איהר האט דאס געטהון, — זאגט גאט.

און ער נעהמט דעם גוף, פעראייניגט איהם מיט דער נשמה און פיהרט זיי צו צום בוים פון לעבען מיט טהייערע פרוכטען...

און עס פאנגט זיך אן דאס לעבען פונ'ם מענשען.

אין דיעזער פעראייניגונג איז דער גאנצער סוד — די גאנצע שרעק, די גאנצע פערפיהרטקייט און, צוזאמען מיט דעם, די מיהזאמע פרייד פונ'ם לעבען.

אויסדריקליך, א מיהזאמע.

ווייל דאס לעבען בעשטעהט אין בעמיהען זיך, אין ארבייטען איבער זיך, אין אויסנוצען די קרעפטען פון מענשענ'ס וועגען און אין דיענען איהם — דיעזעס לעבען איז פריידפול, מילד און גוט, נור עס איז אין דעם ניטא דער פייערוועריקישער גלאנץ און די בערוישענדע, שטראהלענדע פרייד, וועלכע איז בעקאנט דעם קערפערליכען לעבען.

און דאנקען גאט, וואס עס איז אזוי.

ענדע.